STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04792

REGE RU GEFINEN

M. M. Shaffir

Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth, Gil & Dan Milgrom
in memory of
Pearl Milgrom Spencer, feared loss of fine Yiddish writers

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פֿידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
אַ רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969
בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער), מאָנטרעאַל, 1973
אין מײַן געפֿאַלנקייט (לידער), ניו־יאָרק, 1975
מיט צוגענייגטע רייד (לידער), ניו־יאָרק, 1977
די פֿלייט פֿון מײַנע ביינער (לידער), מאָנטרעאַל, 1978
די ליפּן פֿון מײַן טרויער (לידער), מאָנטרעאַל, 1979
פֿיר איילן עלנטקייט (לידער), מאָנטרעאַל, 1980

מ. מ. שאַפּיר:

אַ רגע רו געפֿינען

מאָנטרעאַל 1981

M.M. Shaffir

A regge roo ghefinnen
(To find a moment of rest)

Poems

■

This publication was made possible by a grant from the Minister of Multiculturalism (Ottawa), for which I express my deepest appreciation.

M. M. Shaffir

■

אַ האַרציקן דאַנק דעם מאָלער לוי מיהלשטאָק
פֿאַר דער צײכענונג אויפֿן טעוועלע.

■

גלאָסאַר — בײַם סוף

Printed by·
ADLER PRINTING AND LITHOGRAPHING REG.
4180 De Courtrai, Rooom 218
Montreal, Que. H3S 1C3

א.

פֿאַר וואָס?

די גוטע שיינקייט
רירט מיך ביז צו ערבֿ־טרערן,
ביז כּמעט געוויין.

פֿאַר וואָס?
איך ווייס, זי מוז פֿאַרשניטן ווערן
און פֿאַרגיין,
ווי גראָז.

אַ רגע רו געפֿינען

די שפּראַכמילך פֿון דער מאַמעס ליפּ —
ווי זאָל איך לעבן אָן איר?
דאָס איז מײַן לאה צערטלעכע,
און איך בין דאָך איר חנן.

אַ גוטער דיבוק ליגט אין מיר —
וווּהין וועט עס מיך טרײַבן?
דער שיִכּור דאַרף אַ גלעזל ווײַן,
נאָר מיר וואָס טויג דאָס שרײַבן?

"סע טויג דיר נישט, טאָ שרײַב זשע נישט,
צי קען דיך קהל צווינגען?"
אַ דיבוק איז אַרײַן אין מיר,
און כ׳מוז אים אַלץ פֿאַרזינגען —

איך זאָל נישט הערן זײַן געוויין,
און ווי ער קלאָגט פֿון בענקשאַפֿט —
כאָטש לאה זײַנע איז מיט אים,
אין גאַנצן אים געשענקט זיך.

איז וואָס זשע, זאָג מיר, ווײנסטו פֿאָרט? —
וואָלט איך אים וועלן פֿרעגן,
נאָר ער צעכריפּעט זיך אין מיר,
ווי שטומפּיקדיקע זעגן.

איז פֿרעג איך אים שוין גאָרנישט נישט,
נאָר ס׳רירט זיך מיר דער זינען.
איך כאַפּ אַ פּען און שטעך אין זיך —
אַ רגע רו געפֿינען.

בײַם שרײַבטיש

וואָס זאָגט די פּען? — נישט ריר מיך אָן,
גיי שרײַב אויף זאַמד מיט אַ דאָרנשפּאָן —
וועט קומען אַ ווינט און עס אָפּמעקן ריין,
און פֿאַרטראָגן מיט זיך דײַן פֿאַרשעמט געוויין.

דער טינטער זאָגט: נעם, טרינק מיך אויס,
און סם דערמיט דײַן לידערשויס,
פֿאַרלעש דערמיט דײַן שטיל געמיט —
ס'זאָל דאָרט נישט בליִען מער קיין ליד.

און דאָס פּאַפּיר וואָס זאָגט? — גענוג!
דו גייסט אויף מיר ווי מיט אַ פּלוג,
דו אַקערסט מיך און דו פֿאַרזייסט —
איז דאָ דערין אַ טראָפּן טרייסט?

אַן איינציק אות

איך נייג מיך, ווי אַ פֿרומער ייִד צו מודים,
וואָס איך האָב, דאַכט זיך מיר, פֿאַרדינט אַן אָרט —
לאָז זײַן אין ווײַטסטן ווינקל, אויפֿן בוידעם
פֿון אונדזער ייִדיש־היכל. כ׳וויל פון דאָרט

די שליחי־ציבור אונדזערע דערהערן,
וואָס שטייען אין געציטערט אײַנגעהילט
און טראָגן אונדזער תּפֿילה צו די שטערן,
בשעת די זאַווערוכעס ווייען ווילד.

לאָז זײַן אין ווײַטסטן ווינקל בוידעם ערגעץ;
כ׳האָב קיין מאָל קיין השׂגה נישט געהאַט
אַרויפֿצודראַפּען, זיך אויף הויכע בערגער —
כ׳בין אין דער נידער שוין געפֿאַלן מאַט.

כ׳האָב צון אַ בוידעמשטיל געוואָלט דערגרייכן,
ס׳זאָל קיינער מיך נישט זען ווי כ׳זיץ און הער,
ווי אונדזער שירה פֿלאַטערט צו די הייכן,
ווײַל ס׳איז איר ענג אויף נידעריקער ערד.

ס׳איז וואָר — וועט זיך מיר דאַכטן אין דער שטילקייט —
כ׳האָב נאָר אַ וואָרט געקענט מתקן זײַן;
אַן איינציק אות כאָטש אָנצושרײַבן ווילט זיך
אין פֿאָלקס צעעפֿנטער יריעה־שײַן.

איך האָב דיך, דאַכט זיך, ערלעך אויסגעכּתיבֿהט,
געטובֿלט זיך אין אימה — כ׳האָב געוואָלט:
אַז מײַן געביין ט׳שוין זײַן פֿון לאַנג צעדריוולט,
זאָלסטו נאָך זײַן — אַ פּשוט פינטל גאָלד.

נישט שפּרינג פֿון פֿאַרמעט אָפּ, מײַן אות געטרײַער,
נאָר ווי כ׳האָב דיך געציקלט, זאָלסטו שטיין
און זאָלסט נישט אונטערגיין אין קיין שום פֿײַער,
וואָס קען, חלילה, אויף מײַן אומה גיין.

❀

שניישטויב

פֿון אייביקע בריקן, ווײַט און הויך,
פֿאַלט דין אַ שניישטויב, ווי ליכטיקער רויך.

מע קערט אים פֿון דאָרטן מיט בעזעמער,
פֿון הויך־ווײַטע בריקן אַראָפּ אַהער.

אים זילבערט אַדורך די ווינטערזון —
אַז אַ נס און אַ חידוש זאָל ווערן דערפֿון.

וואָס זעט ער מיר אויס אַזוי זעלטנדיק?
צום ערשטן מאָל רירט אים דען אָן מײַן בליק?

(אַ ווינטער קומט, און אַ ווינטער גייט —
דער קאָפּ איז דאָך מיר שוין מיט יאָרן באַשנייט).

איך זע דאָך אים יעדן ווינטער פֿונסניי —
נאָר אַלץ זע איך חידוש און נס דערביי.

מע פּראָשעט אים פֿון אונטער סטריכעס אַפֿיר.
פֿון ווײַט־הויכע בריקן — גלײַך אויף מיר.

פֿון וואַן קען זיך נעמען אַ שניישטויב אַזאַ?
מיר דאַכט, כ׳האָב צון עפּעס דערטראַכט זיך: אַהאַ!

ס׳איז דימענטן־שטערן צעמאָלט אויף שטויב —
אַ ליכטיקן דאַנק דיר, באַשעפֿער, אַ לויב!

איך גיב אים די אויגן, דאָס מויל און דאָס האַרץ —
אַזוי ווי אַ יינגל, אַ יונגס, אַ פֿאַרשאַרטס.

איך לאָז אים אַרײַן צו זיך אין בלוט —
אוי, גאָט, פֿאַרלענגער מיר אָט די מינוט,

און לאָמיך פֿאַרגעסן אַ ביסל, צי גאָר,
דעם אומעט, וואָס עסט מיך און עקט מיר די יאָר.

די וועלט גייט באַלד אונטער — האָט מיר זיך געדאַכט —
און פלוצעם נאָך היינט אַזאַ ליכטיקע פּראַכט!

אַ דאַנק דיר, באַשעפֿער, אַ דאַנק און אַ לויב —
אין אַ ברודנער וועלט אַזאַ ליכטיקער שטויב!

וואָלקענעס און וואָלקנדלעך

איך גיי נישט אונטער וואָלקענעס אַרום
צו פּיל פּאַראומערט.
זיי מאַכן מיך כּמעט ווי שטום.
איך באָד זיך אין אַ קאַלטן שווייס —
נאָר כ׳ווייס, איך ווייס:
אַ בייַט מוז קומען.

און וואָלקנדלעך באַווייַזן זיך פֿון העלער הויט.
זיי קומען נאָך אַ דונערשרויט.
מסתּמא מוזן וואָלקענעס אַפּריִער זייַן,
און פּייַן,
און טרערן —
אַז ס׳זאָלן וואָלקנדלעך געבוירן ווערן.

איך זע, ווי אין די וואָלקענעס
אַ שאַרפּל בלאָ זיך עפּנט,
שוין טויזנט מאָל, נאָר כ׳זע נאָך אַלץ דערין אַ נס,
און ס׳הערט נישט אויף מיך פּלעפּן.

דאָס וואָלקנדל איז איידל און פֿאַרשעמט,
און פֿון מייַן בענקעניש אַרומגערעמט.

❀

דער מאַמעס ליד און
דעם טאַטנס נגינה

די מאַמע האָט געהאַט אַ ליד
פֿון אַ גערהאַניעטן סאָלדאַט,
און פֿון אַ בלום אין מיטן וועג —
פֿון וואַנען האָט זי זיי געהאַט?

און לידער אין די צענדליקער,
וואָס כ׳האָב נאָך נישט געהערט ביז הייַנט.
פֿון וואַנען קען אַ שוחטקע
אַ קוואַל אַזאַ פֿון לידער זייַן?

די לידער און די מעשׂהלעך,
דאָס לשון אירס — שיין־ווערטלדיק —
ווער האָט עס אַלץ אַרייַנגעלייגט
אין איר, ווי אין אַ דורות־וויג?

קיין וואַזשנע קול ט׳זי נישט געהאַט,
ס׳פֿלעג ציטערן און זיך פֿאַרגיין,
און אָטעם האָט איר אויסגעפֿעלט —
נאָר ס׳איז געווען דאָס האַרץ אַליין.

דער קוואַל פֿאָלקלאָרגאָלד, וואָס אין איר —
געקליבן זיך אַהין פֿון ווען?
דורך וויפֿל דורות זיך געקנוילט,
דורך וויפֿל וועלט? ווער וויסן קען?

און, ווידער, דער נגינה־שטראָם —
פֿון וואַנען קומט צום טאַטן ז״ל?
ס׳האָט זיך אין אים נישט אויסגעשעפּט,
נאָר אַלץ געשטאַרקט זיך ווי אַ קוואַל.

חזנות — מיטן גאַנצן חן,
און חסידותדיקס — מער ווי מוזיק:
ער ווייסט, פֿאַר וועמענען ער שטייט,
און בעט זיך כּל־עצמותידיק.

געזאַנג איז נישט קיין קלייניקייט.
נגינה און תּפֿילה זענען איינס.
צון אים, אין גענעץ־שטעטעלע
ווי קומט עס אַלץ? ווער קען פֿאַרשטיין?

די עדה ייִדן. שטייט און גאַפֿט
די אויגן ווערן פֿײַכט בײַ טייל:
ער שטייט דאָך און בעט גאָט פֿאַר זיי —
אָט הערט מען דאָך — אוחילה לאל...

דעם טאַטנס ז״ל נגינה־קוואַל,
דער מאַמעס לשון און איר ליד —
ווי׳זוי וואָלט איך געהיילט אָן זיי
מײַן אייביק אומעטיק געמיט?

דאָס ליד

די פען האָט אויסגעקריצט
די שורות אין אַ ריי.
די אותיות חלומען
ווי זערנעס אין פּאַרזיי.
פֿאַר וואָס זשע זינג איך נישט,
און עפּעס טוט מיר וויי.

אַ טרויער פֿאַלט אויף מיר,
אַז כ׳ענדיק אויס אַ ליד
און לייגט זיך ווי אַ פֿראָסט
אין טאָל פֿון מײַן געמיט.
וואָס האָב איך עס געדאַרפֿט?
צו וואָס זיך אײַנגעמידט?

„איך לאָז דיך וואַנדרעווען.
ווּעסט תּמיד זײַן אַליין.
דערכּפּעס נישט קיינעמען,
און האַלט זיך שטיל און קליין.
ווו אַלע עלנטע —
דאָרט זאָלסטו אויכעט שטיין.

מײַד אויס דעם יאָר־יריד
פֿון דעם געשוויבל לײַט,
ווו רײַטערס רודערן
און ווו דער שקר רײַט.
נישט גיי אין זייער שטעג
און זייער עצה מײַד.״

געווען אומזיסט מײַן מי
און מאַטערניש — איך ווייס.
דאָס ליד האָט קיין מאָל נאָך
פֿון לייד נישט אויסגעלייזט.
ווו זענען מײַנע פֿרײַנד
כאָטש מיט אַ וואָרט פֿון טרייסט?

אַרויסגעלאָזט אַ ליד —
טאָ ווו זשע איז מײַן פֿרייד?
פֿאַר וואָס איז נישט אַ ליד
אַ פֿעלד, וואָס מ׳האָט פֿאַרזייט,
אַ לאָנקע פּאַשעשטיל,
אַ סטעזשקע וואַלד, אַ בייט?

די ליפּ איז מיר פֿאַרשטאַרט,
די פֿרייד איז מיר פֿאַרשטערט.
איך נעם דאָס ליד צו זיך
און זעץ זיך אויף דער ערד.
דאָס ליד קוקט אויף מיר שטום
אי בייז און אי פֿאַרטרערט.

אַ פֿלאַטערל

אַ פֿלאַטערל שטייט אויף יענער זײַט שויב.
נישט ווײַט ווו איך זיץ און איך טינטל —
מיטביידע פֿליגל אויסגעשפּרייט,
און גיט נישט מיט זיך קיין פּינטל.

כ׳האָב מורא צוצוגיין נאָענט דערצו,
איך זאָל עס נישט איבערשרעקן.
און אפֿשר חלומט עס איצט אין שלאָף —
צו וואָס זשע זאָל איך עס וועקן?

איך קוק דערויף מיט אַ האַלבן בליק,
נאָר מיר דאַכט זיך, אַז עפּעס דערפֿילט עס —
ס׳האָט, דאַכט זיך, קוים אַ צאַפּל געטון
מיט די פֿליגל צוויי באַגילדטע.

צי לעבסטו? צי אפֿשר, חלילה, נישט?
איך וויל דיר דאָך נישט קיין בייזס טון.
איך וויל, דו זאָלסט וויסן, פֿלאַטערל,
וואָס די פֿליג אויף דער וואַנט ביי מיר וויסט שוין.

אַנטפּלעק זיך מיר בלויז אויף אַ ברעקל מינוט,
וועט דאָס האַרץ זיך מיר אויפֿהערן וויגן.
גיב בלויז אַן איינציקן צאַפּל דין
מיט דײַנע צוויי איידעלע פֿליגל.

דאָס פֿלאַטערל קוקט, דאַכט זיך, גלײַך צו מיר
און הערט מײַן בקשה מסתּמא:
סע גיט נישט קיין מינדסטן ריר מיט זיך —
און איז עפּעס מיר פֿאָרט מרמז.

איך זיץ אַ געבויגענער איבער מײַן טיש.
פֿון זינט ס׳הייבט אָן צו טאָגן,
און איך הער, ווי דאָס פֿלאַטערל אויף מײַן שויב
זאָל עפּעס פֿאַרבאָרגנס מיר זאָגן.

אַן עלנטער שטיין

אין ווײַטן פֿעלד אַן עלנטער שטיין —
און גאַנצע טעג און נעכט אַליין —

צי קומט אַ מאָל עמעץ צו גיין צו אים פֿאָרט,
כאָטש מיט אַן איינציק וואַרעם וואָרט?

די פֿייגל קומען, די וועלט איז גרויס —
און טוליען זיך פֿאָרוויַיז אין זיַין שויס.

די מידע פֿליגל רוען אַ וויַיל —
און ווידער אַוועק, ווי אין געאיַיל.

און דער שטיין בליַיבט ווידער אַליין אין פֿעלד,
אין דער גרויסער, ברייטער, אָנענדלעכער וועלט

אַ מידער וואַנדראָווניק, ביַים סוף פון זיַין וועג,
קומט גרונטעווען די פֿאַרלוירענע טעג.

ער קומט צו קיין טאָלק נישט, סע הייבט אים פֿון אָרט —
און דעם שטיין נישט געזאָגט קיין איינציק וואָרט.

ער ריַיסט זיך ווי פֿון אַ קאָשמאַר אַרויס —
און אַוועק אין דער וויַיט, ווי די וועלט איז גרויס.

און דעם שטיין לאָזט ער איבער אַליין אין פֿעלד —
אין דער גרויסער, ברייטער, אָנענדלעכער וועלט.

דערווינט שטעלט זיך אָפּ אויף עטלעכע גלעט,
און שפּרייט אויף אים אויס אויף אַ רגע זיַין בעט,

און יאָגט זיך וויַיטער מטורף אַוועק
אין אַלע וויַיטן — זוכן אַ ברעג.

בליַיבט ווידער דער שטיין אויף דער וועלט אַליין,
ביז גאָט קומט אַראָפּ און בליַיבט אויף אים שטיין.

ער קומט צון אים אין האַלבנאַכטיקער רו:
"נעם מיך אויף, איך בין עלנט אַזוי ווי דו".

און איינס דאָס אַנדערע האַלדזן זיי זיך
אין אייביק צאַנקעדיק שטערנליכט.

ער נידערט אין שטיין ביז דער סאַמע מיט,
און זיי שיידן זיךביידע מער קיין מאָל ניט.

זיי אייביקן אין דער אייביקייט —
געהאַלדזט, געטרייסט און נישט־צעשיידט.

אַ וואַרעמער וואָלקנווינט ווישט דאָס געוויין
פֿונעם שטיין, וואָס איז עלנט אין פֿעלד אַליין.

איך וועל מיר זען אַ שטיין אין פֿעלד

מלכן און מאַשען

איך וועל מיר זען אַ שטיין אין פֿעלד,
די מאָס פֿון מײַנע גלידער,
און זיך פֿאַרטוליען אין זײַן שויס,
מיט מײַנע מידע לידער.

כ׳וועל צורופֿן אַ פֿייגעלע —
סע זאָל מיר עפּעס זינגען,
באַוויליקן מיר טרעלן צוויי —
אַז ס׳זאָל מיר ווערן גרינגער.

דאָס האַרץ מײַנס, דאָס געבראָכענע,
נישט אויסגיין זאָל פֿון ווייטיק,
ס׳זאָל כאָטש אין שטיין געפֿינען רו,
די רו, די צוגעגרייטע.

קום איטלעכענע האַלבע נאַכט,
צי ווען סע הייבט אָן פֿרירן
און שענק מיר טרעלן עטלעכע,
און זאָלסט דיר ווײַטער פֿליען.

פֿאַרהאַלט דיך נישט בײַ מיר צו פֿיל —
איך וויל נישט זאָלסט מיך הערן,
ווי כ׳וועל דיר ענטפֿערן: אַ דאַנק —
און ווי מיך וואַרגן טרערן.

וואָס דאַרפֿסטו וויסן פֿון מײַן פּלאָג?
איך וויל דיך דאָך פֿאַרשוינען;
די פּלאָג איז אויך אין לעצטן שטיין
געקומען מיט מיר וווינען.

כ׳וועל שיקן אַ פֿאַרבענקטן בליק
צום קלענסטן פֿון די שטערן:
פֿאַרשעמטער שטערן ערגעץ העט —
זאָלסט מײַן נר־תּמיד ווערן.

אַ נעפּלווײַט פֿאַרדעקט דײַן שײַן —
מע זעט אַזש קוים דיך פֿינקלען;
פֿון שטיין אַרויס וועל איך דיך זען,
זיך מיט דיר איבערווינקען.

איך רוף אַ ביימל, איינס בײַם שליאַך
ווו ס׳זעט עס באַלד נישט קיינער:
קום, שטיי בײַ מײַן צוקאָפּנס מיר
און וואַקס פֿון מײַנע ביינער.

כ׳וויל הערן, ווי סע גייט דער שאָרך
דורך דײַנע צווײַגן דינע.
כ׳פֿלעג אָפּט, אין מײַן געפֿאַלנקייט,
מײַן טרייסט אין אים געפֿינען.

די וועלט איז גרויס — ווער דאַרף זי, ווער?
איך וויל נאָר בלויז דאָס איינע:
דאָס פֿייגעלע, דאָס שטערנדל,
דאָס ביימעלע — פֿאַר שכנים.

אַהין, אַהין

כ׳בין אויסגעשטרעקט אויף אַ געקעפּטן בוים.
ס׳אַ חלום. כ׳קען נישט מיט קיין אבֿר רירן.
מיר טוט נישט גאָרנישט ווײ און כ׳הער נאָר קוים,
ווי עמעץ רעדט צו מיר דורך ווײַטע טירן.

איך הער נישט וואָס מע רעדט. מע מיינט עס מיך.
סע שרעקט מיך יאָ און נישט, און ס׳איז מיר היימלעך.
ס׳איז פֿינצטערלעך, נאָר ס׳איז גענוג דאָ ליכט,
צו זען אין שכנות עטלעכענעביימלעך.

אין איינעם פֿליט אַ פֿייגעלע אַרום
און טרילערט עפּעס. ס׳איז נישט שלעכט צו הערן.
איך טראַכט: דאָס פֿייגעלע מסתּמא קומט
אַן אייביקדיקער שכן מײַנער ווערן.

ס׳איז פֿינצטערלעך, נאָר ס׳איז גענוג דאָ ליכט,
צו זען צוויי ווערעמלעך. מ׳האָט מיך געפֿונען.
זיי קריכן, לויט פּאָר ווערעמלעך, צו גיך —
ווי עפּעס קעפּלדיקע לאַנגע נונען.

נאָר אַז כמעט איך פֿיל באַלד זייער ריר,
דאָס פֿייגעלע — אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון ביימל,
און צו די ווערעמלעך, וואָס באַלד אויף מיר,
און כאַפּט און שלינגט זיי ביידע אײַן אויף איין מאָל.

און דאָ האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט, פֿאַרקלעמט —
אין דרויסן שטייט אַ וואַרעמער סוף־זומער.
דער חלום איז אַוועק ווו אין דער פֿרעמד —
אַהין, אַהין, פֿון וואַנען ר׳איז געקומען.

פֿאַרלוירן נישט ווערן

עמעץ רעדט צו מיר פֿון יענער זײַט ווענט,
ווי נאָר איך פֿאַרמאַך די אויגן.
די בענקשאַפֿט ציט מיר אַרײַן אין שלאָף
די חלומות, וואָס זענען פֿאַרפֿלויגן.

ס'איז נישט קיין קול פֿון די הימלען אַזש,
נאָר פֿון נאָענטע, היימישע לײַטן.
זיי זענען שוין לאַנג פֿון מיר אָפּגעשיידט,
נאָר כ'בין נאָענט אין זייערע ווײַטן.

די אויגן, די מידע, מאַכן זיך צו,
און סע עפֿענען זיך די שוואַרצאַפּלען.
דער דאַך נעמט זיך הייבן און שווימט אַוועק,
און איך שעפּטשע פֿאַרשלאָפֿן "המפּיל".

דער דאַך איז אַ שיף, איך פֿלי איר נאָך
ווי אַ פֿאַרבענקטער פֿויגל.
אַ גראָזיקע לאָנקע ווינקט פֿון דער ווײַט,
און קומט מיר אַקעגנגעפֿלויגן.

דער צעשטערנטער הימל טרייסלט אין איר,
פֿון א ליכטיקער ציך, אַ פּאָר שטערן.
דער ברעג פֿונעם מילעכטײַך גייט אונדז נאָך —
מיר זאָלן פֿאַרלוירן נישט ווערן.

אַ שטערנדל

כ׳האָב זיך געדראַפּעט יאָרן לאַנג,
אויף דרײַצן צעטרייסלטע טרעפּלעך —
נאָך אַ שטערנדל, ערגעץ איבער מײַן דאַך,
וואָס האָט מיך מיט עפּעס פֿאַרטשעפּעט.

דאָס שטערנדל האָט זיך מיט מיר געשפּילט —
כ׳האָב געמיינט: ס׳עט מיר פֿאָרט געראָטן
אַרײַנצונאַרן אַ טייל פֿון זײַן שײַן
צו מיר אין מײַן היימלאָזן שאָטן.

אַז כ׳האָב דערגרייכט די אייבערשטע טרעפּ,
בין איך פֿון די פֿיס געפֿאַלן,
און כ׳האָב צעשאָטן אויף הפֿקר און ווינט
דאָס ביסל געשפּאָרטע שטראַלן.

כ׳האָב אַ קוק געגעבן צוריק אַראָפּ,
און דערזען דאָרט אַ וואָלקנדל שמייכלען —
און מיך האָט געצויגן, אַז וויי איז צו מיר,
אַ שטערנדל דווקא דערגרייכן.

געוועזן באַדאַרפֿט בלײַבן בײַ זיך אויף דער ערד —
צי איז דען די ערד נישט קיין שטערן?
וואָלט איך נישט געוווּסט פֿון אַזוי פֿיל פּלאָג
און פֿון אַזוי פֿיל טרערן.

אין וואַלד

דער וואַלד האָט טויערן צעשפּאַרט
פֿאַר דעם געזאַנג פֿון פֿייגל,
און פֿאַרן דינסטן וואָרעמשאָרך,
וואָס אין די בלאָטעטייגן.

די נאַכט פֿאַרשוועבט. וואָס בלײַבט פֿון איר?
אַ זיכר פֿון איר פֿינצטער.
די קוסטן טובלען זיך אין טוי,
און אויך די גרעזלעך מינדסטע.

דער טרויער שפּילט אין מיר ווי ווײַן,
און הערט נישט אויף צו יערן
און אין מײַן טרערן־ברונעם, גאָט,
איז מער נישטאָ קיין טרערן.

צעלאָמעט איז אין מיר דאָס האַרץ,
מיט שפּינוועבסן פֿאַרלאָפֿן.
דאָס אומגליק האָט מיר נאָכגעיאָגט —
און ביז ס'האָט מיך געטראָפֿן.

אוי, זאָגט מיר, פֿייגל ערלעכע,
און זאָגט מיר, גראָזן שטילע:
ווו טרעף איך דאָ, אין גרויסן וואַלד,
אַ טויער פֿאַר מײַן תּפֿילה?

קייטן אַרום די פּיס

מיר פּלעכטן זיך קייטן אַרום די פּיס,
ווי שטריק ביי אַן אָקס, פאַר דער שחיטה.
פאַרמאַך איך אַ רגע די אויגן — און כ׳זע,
ווי סע וואַרטן שוין שינדערס געניטע.

כ׳שטיי מיט באָרוועסע טריט אויף דער נאַקעטער ערד.
אַ צעחלומטקייט נעמט אין מיר קוואַלן,
פאַרהייב איך די דלאָניעס אַרויף צו גאָט —
אַז איך זאָל אין שטרויכל נישט פאַלן.

פאַרהייב איך די הענט צו דער הייך, און איך בעט
כאָטש אַ זשמעניע ליכט פון די שטערן —
זאָל ברענען אַ קאַניץ אין ווינקל שטוב,
אַז דער אומעט זאָל נישט אַזוי שווערן.

און איך זאָל זיך איינקוקן טיף אין דער שויב —
אַז ביי זונשפּראָץ זאָל איך זיך צעזינגען.
ווי לאַנג קען באַשערט זיין פאַרבייסן ביז בלוט
די ליפּ, און די טרערן צו שלינגען?

איך האָב מערנישט געוואָלט, נאָר אַ קאַניצל ליכט,
וואָס זאָל לייכטן ביי מיר אין אַ ווינקל,
און שטיל, ווי אַ יאָרצייט־ליכט צאַנקען אַ ווייל,
אַז מיין נאָמען וועט לעשן זיך, זינקען.

עלנט ווי אַ שטיין

איך האָב מיר פּאָמאַדירט די האָר
און אויסגעגלייגט אַ שרינט,
און כ׳האָב די הויזן אויסגעפּרעסט —
וואָס פעלט מיר נאָך אַצינד?

די שיך — כאָטש שפּיגל זיך אין זיי,
אַפילו אויך די זויל.
און זעט נאָר דאָס ציגײַערל,
וואָס שטעקט בײַ מיר אין מויל.

הײַנט אונטערוועש און אייבערוועש —
סע פעכלט און סע גלאַנצט.
און הײַנט דאָס ״קעלניש וואַסערל״ —
צי רופט עס נישט צום טאַנץ?

וואָס פעלט מיר? בעסער פרעגט מיך נישט.
איר׳ט סײַ ווי נישט פאַרשטיין.
כ׳האָב קיינעם נישט, אַ חוץ נאָר זיך —
כ׳בין עלנט ווי אַ שטיין.

ס׳איז וואָר: איך לאַך, איך חכמע זיך,
איך העפּע ווי אַ בער,
נאָר צווישן אַלע עלנטע
בין איך דער עלנטסטער.

עמעצער

עמעצער איז מיך באַפֿאַלן
אין אַ פֿינצטער געסל ווילד —
נישט געוואָלט אַפֿילו זאָגן
צוליב וואָס, און וואָס ער וויל.

סתּם, מסתּמא, ווײַל כ׳בין איינער,
וואָס ער ענטפֿערט נישט צוריק,
איז אַ מיצווה אים צו שלאָגן —
כאָטש ער טשעפּעט נישט קיין פֿליג.

ווײַל ער גייט זיך אָרעמאַנסקע,
נישט מיט גדלותדיקע שפּאַן —
מעג אַ ליאַדע הונט אים יאָגן
און זיך מאַכן פֿאַר זײַן פּאַן.

ס׳גייט צו ווינטער

ס׳גייט צו ווינטער — און איך פֿרעג מיך,
וואָס איך האָב צעטון אַזוינס
אין די טעג און אין די יאָרן,
וואָס איך האָב אָט דאָ געוווינט.

פֿרעגן, ווי געוויינטלעך, גרינג איז,
נאָר צו ענטפֿערן איז שווער:
כ׳האָב געשריבן גראַמענלידלעך,
אָט ווי איצט — און גאָרנישט מער.

אפֿשר האַלט איך אויף אַ דרך?
ניין, כ׳האָב קיין בטחון נישט
אין די שיינע שורות מײַנע,
וואָס איך גרייט מיט זיי צו טיש.

וועמען טוט מײַן ליד אַ חסד?
וועמען האָט עס ווען דערפֿרייט? —
כ׳האָב מיר נאָר געהאַקטע יאָרן
אויף דער עלטער אָנגעגרייט.

די פֿאַנטאַזיע

די פֿאַנטאַזיע זאָל מיר לעבן! —
כאָטשבע זי פֿאַרמאָג איך נאָך.
זי איז ווי אַ שעמערירונג
אין מײַן וואָכעדיקער וואָך.

טייל מאָל קומט זי מיט אַ שמייכל,
מיט אַ גינציק, וואַרעם וואָרט;
טייל מאָל, ווידער, מיט געבייזער —
נאָר מיר ליובענען זיך פֿאָרט.

טייל מאָל איז זי ברויט מיט פּוטער,
טייל מאָל — נישט אַפֿילו ברויט,
נאָר געפונענס אין די מיסטן,
שימלגראָזן, שדים־קויט.

טייל מאָל קומט זי און זי נעמט מיך
אין די אויסגעטראַכטסטע שטעט;
טייל מאָל פֿויל איך אַ פֿאַרשפּאַרטער —
און זי הערט נישט מײַן געבעט.

טייל מאָל ווײַזט זי מיר וווּנדירים,
נישט געשטויגנס, נישט געהערטס;
טייל מאָל האַלט זי מיר דאָס פּנים
צוגעדריקט צו האַרטער ערד.

נאָר צי זי איז ווי אַ מאַמע,
צי ווי אַ מכשפֿה רעדט —
קומט איר, איך זאָל מיט איר טיילן
סײַ מיין ברויט און סיי מײַן בעט.

פֿרעגט נישט, ווער ס'האָט אונדז פֿאַרזיווגט,
ווײַל איך ווייס אַליין נישט ווער.
אין אַ חלום פֿון א חלום
האָב איך זײַנע טריט דערהערט.

כ'ווייס נאָר: שײַן פֿון שאָטנשפּילן
האט ער מיר נישט צוגעקאַרגט,
און כ'גיי אום ווי אין טונעלן
פֿון אַ אָנענדלעכן באַרג.

מיר דאַכט זיך

די מלבושים רייַסן זיך. מיר
און דער בליק ווערט אַלץ מער טריבער.
וואָסער רייַכקייט איך באַגער אַלץ —
ווייסטו דאָך שוין, גאָט, דו ליבער.

גיב מיר חכמה, — נישט קיין קלוגשאַפט —
צו פאַרשטיין די וועגן דיינע,
דייַן באַהאַלטנקייט, דייַן שווייַגן,
זאָל מיך מער אַזוי נישט פּייַנען.

נעם פון מיר אַוועק די ביטער,
ווען איך קען נישט זען דיין רחמים;
מאַך מיך טויב — איך זאָל נישט הערן,
ווי דו לאַכסט פון מיר, מיר דאַכט זיך.

ב.

אין אַ חלום־שעה

אַ קאָרנפֿעלד. אַ וואַלד ביַים ברעג.
(נישט אַלץ איז מיטן רויך אַוועק.)

און לעבן וואַלד אַ ברעזע שטייט,
אַן איינציקע, פֿאַרבענקטערהייט.

ס'אַ ברעזע און מיט עפּלצוויט —
ס'איז אמת, כאָטש סע גלייבט זיך ניט.

דער וווּנדער מעג זיך זיַין ווי גרויס —
די בענקשאַפֿט אָבער טראַכט נישט אויס.

ביז איין מאָל, פֿון אַ כמאַרעהייך,
אַ בליץ האָט יענעם־בוים דערגרייכט.

כ'בין אויסגעגאַן אין יענעם טאָג.
אַ ווינט האָט מיך פֿון דאָרט פֿאַריאָגט.

כ'האָב נאָר אַ צווייַגל אין דער האַנט
אַרויסגעראַטעוועט פֿון בראַנד.

נישטאָ דער בוים, ער איז נאָר דאָ
אין צווייַגל, אין אַ חלום־שעה.

סאָמנאַמבול

די נאַכט איז שטיל, מע הערט אַזש קוים איר דעכען.
איך טראָג אַ בינטל פֿרישן בעז אין האַנט,
און דראַפּע זיך איבער די העכסטע דעכער
צום עמעצן אין ווײַטן שטערנלאַנד.

איך וואָלט שוין אפֿשר לאַנג אַהין דערגאַנגען,
און אין דער זשמעניע — בעז, ווי אין אַ סלוי,
ווען נישט, ווי מאָנסטער־פֿייגל, עראָפּלאַנען,
וואָס מאַטערן און שרעקן מיך אַזוי.

זיי קומען אָן ווי דולע מאָנסטער־פֿייגל,
וואָס מ׳האָט צעשאָסן נאָר וואָס זייער נעסט.
דאָס האַרץ אין מיר איז אַ צעמישטער זייגער —
נאָר כ׳טראָג אין האַנט אַ בינטל פֿרישן בעז.

באַלד ריר איך אָן די ערשטע בלאָע שטערן
איך שטיי שוין, דאַכט זיך, אויפֿן העכסטן דאַך.
זאָל קיינער נאָר די נאַכט נישט איבערקערן,
די שטערנפֿולע חופּה פֿון דער נאַכט.

איך האָב אויף שטראַלן־לייטערס זיך געהעכערט,
און כ׳האָב דאָס בינטל פֿרישן בעז דערהיט.
איך וויל אַליין זײַן אויף די הויכע דעכער,
ווו שטויב פֿון שטערן פּראָשעט זיך און פֿליט.

די עראָפּלאַנען ווילן מיך דאָ קעפּן,
איך דאַרף דעם קאָפּ באַהאַלטן אין די הענט.
דאָס בינטל פֿרישער בעז וועט דאָ נישט וועפּן —
אַפֿילו צווישן היכע מויערוועגט.

סע טראָגט מיך, איין גאָט ווייסט נאָך וואָס, פֿון דאַנען.
ווי אָן אַ ברעג איז ווײַט דאָס שטערנלאַנד.
דער זשום פֿון די צעדולטע עראָפּלאַנען
דערשרעקט דאָס בינטל בעז, וואָס אין מײַן האַנט.

צי קען דען שטיין אַ הויז אין לאַנד פֿון שטערן?
צי קען דאָרט עמעץ דען נאָך ווינען גאָר?
צו וועמען טראָג איך בעז ווי שנירלעך פּערל?
די בענקשאַפֿט איז נאָך דאָ און זי איז וואָר.

די שטאָט ליגט טיף — די עראָפּלאַנען פֿלייצן —
זי טראַכט איצט מערדעריש איר טראַכטעניש
איך ליג צעווישן דעכער אויף דער פּלייצע.
די בענקשאַפֿט איז געטרײַ און נאַרט מיך נישט.

איך שפּאַן ווי אויף אַ סטעזשקע איבער דעכער.
איך בין אין שטערנלאַנד אַרײַן נישט לאַנג.
די בענקשאַפֿט גיט מיר טרינקען פֿון איר בעכער,
און איך דערלאַנג איר בעז, ווי אַ געשאַנק.

אַ דרימל

כ׳האָב אָנגעכאַפּט אַ דרימל בײַ דער פּאָלע:
קום, ליג מיט מיר — איך לאָז דיך נישט אַוועק.
האָט ער מיט מיר געטון אַ לײַכטן שלײַדער
העט, העט אַהין, וווּ ס׳האָט די וועלט אַן עק.

איך האָב דערזען אַ טאָל, אַרום מיט וועלדער,
און שטיל, ווי ס׳קען נישט זײַן שוין מערער שטיל,
און דער אַרום איז מיר באַקענטלעך זייער —
פֿון וואַנען ווייסט דער דרימל וואָס איך וויל?

און אָט אַ שטוב, בײַם ברעג פֿון טאָל באַהאַלטן,
אַ שטיבל מיט אַ בלאָען דאַך פֿון מאָך,
און אויף דער פּריזבע שטייען נאָך צעשטעלטע
די בלומענטעפּ, וואָס איך געדענק זיי נאָך.

אין איטלעכנעם שטעקט אַן ·עפּלצווײַגל,
און איטלעכס צווײַגל פֿרייט זיך שוין מיט בעז.
נאָר דאָ האָט מיך דער דרימל אָפּגעטרייסלט,
און עמעץ האָט אַ זאָג געטון: פֿאַרגעס.

מיך קען אַזאַ גזירה מער נישט שרעקן.
ווי זאָל איך עס פֿאַרגעסן זיך אַליין?
כ׳האָב צוגעמאַכט צוריק די מידע אויגן,
און עפּעס האָט אין מיר נאָך אַלץ געוויינט.

מייַן לעצטע וויג

די מוזע קאָרמעט מיך מיט איר באַטעמטער מילך.
פֿאַרבענקעניש לאַנגסטיקע זיך אין מיר וועקן.
די שטאָט האָט מיך שוין טויב געמאַכט מיט איר געהילך —
און איך אַנטלויף פֿון איר, אַז איך זאָל מיך נישט עקן.

די מוזע גייט מיר נאָך, זי פֿליט מיר נאָך געטרייַ.
איך האָב זי קיין מאָל נישט פֿאַרהאַנדלט פֿאַר קיין גראָשנס.
אויף פֿליִענדיקע בריקן פֿליִען מיר פֿאַרבייַ
אַן אָרט, וואָס ליגט אַצינד פֿאַרחורבֿהט און פֿאַרלאָשן.

איך זוך דאָרט און כ׳געפֿין נישט דעם בית־עלמין־באַרג.
ס׳האָט לאַנג שוין דאָרטן אויסגעצאַנקט דער לעצטער שטערן.
סע פּוסטעווען צוויי פֿולע גריבער לעבן מאַרק —
נאָך קיין מאָל נישט געהערט קיין קדיש און קיין טרערן.

אוי, לאָז מיך, מוזע, דאָרט, און פֿלי זיך דיר צוריק,
און זאָג די גוטע־פֿרייַנד, אַז איך האָב שוין געפֿונען
אַ הייליק אָרט, וואָס דאָרט וועט זייַן מייַן לעצטע וויג —
נאָך אַלע הילכנדיקע, בלינדנדיקע זונען.

איידער ס׳פֿאַלט די נאַכט צו

גייענדיק פֿעלד איַין, פֿעלד אויס,
איידער ס׳פֿאַלט די נאַכט צו,
ווערן שטיל די שטילסטע רייד,
אויך די שטילסטע טראַכטונג.

אַלע גראָזן שלאָפֿן שוין —
רירסטו קוים די ערד אָן.
אין דער שטילסטער שטילעניש,
דאַכט זיך, עמעץ הערט דיך.

דאַכט זיך, אַז די גאַנצע ערד
גרינגער ווערט און הייבט זיך
צו די הייכן; אויכעט דו —
ווידער אַ פֿאַרגלייבטער.

אַ פֿאַרוואָגלט וואָלקנדל,
ליכט־געליישט אין אומעט,
ווײַזט זיך אויפֿן האָריזאָנט,
פֿון דער ווײַט געקומען.

וואָס דאָס וואָלקנדל דערציילט,
טוט מיר וויי צו הערן.
אַלץ ווערט גרינגער אָנהייב נאַכט,
נאָר מײַן טרויער — שווערער.

אַ פֿאַרבענקעניש פֿון לאַנג
נעמט זיך אין מיר וועקן.
נידער, וואָלקנדל, אַראָפּ —
איך זאָל זיך נישט עקן.

אין די הייכן עפֿנט זיך
רחמימדיק אַ טויער —
נעמט ער אײַן די עלנטע,
אפֿשר אויך מײַן טרויער.

אויפֿן ווײַטן וואָלקנדל
בין איך זיך משתטח
פֿרום און זינדיק און פֿאַרבענקט
איידער ס'פֿאַלט די נאַכט צו.

פּרעליוד צום שלאָף

איך שטיי ווי אויף אַ הויך געשפּאַנטער בריק,
אַ ווײַטער אויפֿגעבליטער עפּלצווײַג
דערלאַנגט אַ פֿאָכע: קום צוריק.

דערצווישן שלאָפֿט אַ ים —
איך זע אַזש קלאָר דעם דנאָ.
ר'איז פֿול מיט פּערלרויזן־פֿלאַם.

איך ציליע, ווי איך גיי, אַ פּערלציר.
פֿאַר וועמען מיסטו זיך אַזוי?
פֿאַר עמעצן, פֿאַר איר.

צוויי פֿליגל לאָזן מיך אַראָפּ.
אַ לאַנקע שפּרייט זיך שלאָפֿנדיק.
איך שפּרײַז מיט ברייטע טריט און טראָג מיט זיך די גאָב.

אַ טשאַטע ווײַסע גענדז קומט אָן.
דאָס פּאַסטעכל דערזעט מיך נישט.
דער סערדעט אויפֿן שטעקן — ווי אַ פֿאָן.

די טשאַטע פּאַשעט שטיל.
אַ שטילע ווײַס אַזאַ — נאָך קיין מאָל נישט געזען.
דער גאַנער לויפֿט אַרויס און פֿרעגט מיך, וואָס איך וויל.

ער שטרעקט צו מיר דעם קרומען האַלדז.
ער דאַרף מיך שרעקן, נאָר ער שרעקט מיך נישט.
איך שטיי און גאַף נאָך אַלץ.

די גענדז צעגאַגען זיך דערפֿרייט
און נעמען טענצלען אַרום זיך אַליין,
די פֿליגל אויסגעשפּרייט.

דער גאַנער שרעקט מיך נישט.
דאָס פּאַסטעכל — ט׳מיך נישט דערזען.
איך בין שוין באַלד בײַ זיי, מיט מײַנע ברייטע טריט.

נאָר דאָ דערלאַנגט דאָס פּאַסטעכל אַ טראַט, נאָר מילד.
איך ציטער אויף.
די טשאַטע ווײַסע גענדז בלײַבט שטיין אַנטשטילט.

און כ׳זע, ווי עמעץ שטייט
און קוקט פֿון ווײַטנס צו דער טשאַטע גענדז
פֿאַרקלעמטערהייט.

פֿאַרבענקטע וואַלדנאַכט

אַ קוימיקע שושקעניש
ציט דורך די טאָלן.
די נאַכט שטילט אויס:
בֵּין שָׁדַי יָלִין.

די בענקעניש
איז נישט אויסצומאָלן —
באַלד קומט דער געגאַרטער.
בֵּין שָׁדַי יָלִין.

איך האָב נישט קיין אוצרות.
איך וועל אים באַצאָלן
מיט ליפּן אין תּפֿילה:
בֵּין שָׁדַי יָלִין.

די סקולפּטור פֿון אַן עופּעלעס געזעסל

אַזוי צו רונדיקן אַן עופּעלעס געזעסל
און אַזוי אַרומצוטעסען,
אַז מע זאָל עס קענען האַלטן אין אַ זשמעניע —
דאָס קען נאָר דער בורא קענען.

ניין,
ס'איז נישט קיין טויט שטיק שטיין,
און נישט קיין בראָנדז, קיין אײַזן,
נאָר ס'איז וואַרעם, לעבעדיק געפּליש־געביין.
נעמט, רופֿט אַרויס נישט איין ראָדענען,
נאָר אַפֿילו צען מאָל צענע —
וועלן זיי עס נישט באַוויַיזן.

❦

דער חלום־בוים

ס׳איז נאָך פֿאַראַן אַ חלום־בוים —
אין אַלע מײַנע קלעמען,
ווען ס׳דאַכט זיך מיר: ער זשיפּעט קוים,
צענעמט ער צו מיר זײַנע הענט.
אויף מיך אַרומצונעמען.

אַך, וויפֿל מאָל צון אים אַוועק
פֿון אונטער הימלען קאַלטע,
פֿון אונטער וואָלקענעס ווי זעק —
אין שאָטן, אין זײַן וואַרעמען,
זיך טוליען, זיך באַהאַלטן.

זאַווייען וויסטע יאָגן מיך
מיט רישעותן ווי פֿײַער.
מיך ראַטעוועט דאָס שטילע ליכט,
וואָס נעמט דעם חלום־בוים אַרום.
איך דאַנק דיר, גאָט געטרײַער.

און דאָרט, אין שאָטן פֿונעם בוים,
זיך מינערן די גזרן,
וואָס פֿינצטערן אַרײַן אין מיר —
און ס׳שטרעקט דאָרט עמעץ אויס דאָס האַרץ
צו מיר, זיך צוצושפּאַרן.

די טרערן־כּוסות נייגן זיך
און קלערן מיר די אויגן.
איך שטיי אין שטילן שטערנליכט —
צום אויפֿגעבליטן חלום־בוים
בין איך אין לייד דערפֿלויגן.

די באַלאַדע פֿון זײַנוול גילדין

די טשופּרינע אין שטערן איז ווײַס ווי קרײַד,
און דאָס פֿידעלע ליגט אַ פֿאַרשעמטס אין אַ זײַט.

„בשׂימחה... בשׂימחה דאַרף מען זײַן
און שיכּורלעך־פֿריילעך — אַפֿילו אָן ווײַן...“

פֿלעג ער אומטראָגן מיט זיך די פֿידל אין שייד,
און דערפֿרייען לײַט מיט געניגונטע רייד.

„איצט ליג איך אַזוי ווי אַ הירש אין וואַלד,
און סע קאַפּעט דאָס בלוט פֿון מיר פֿינצטער און קאַלט.

איך רעווע אַ שטומער: ס׳איז נישט גערעכט!
איך האָב נישט קיינעם געטון קיין שלעכטס —

און גאָט איז אַ צדיק־וישר, איך ווייס —
וואָס זשע ליג איך און באָד זיך אין טויטיקן שווייס?

צו מײַנע זיבן און צוואָנציק יאָר —
וואָס מוז איך שוין שטאַרבן? וואָס איז דאָ קלאָר?!״

דער גלגל־חוזר דרייט זיך צו גיך.
און שלעפּט אים ווילד אַרײַן אין זיך.

„פֿאַר וואָס זאָל איך אַ פֿאַרצאָגטע זען
מײַן ווײַב, וואָס נישט לאַנג כ׳האָב מקדש געווען?״

און זײַנוול גילדין פֿאַרשטשעמעט אַ פֿויסט —
זײַן באַדרענגעניש האַלט ער שוין באַלד נישט אויס.

ער שטשעמעט די פֿויסט און צעבײַסט זיך די ליפּ —
מיט בלוטיקן שוים איז פֿאַרגאָסן זײַן כליפּ.

„דו, צדיק־וישר, איך קלאַפּ אין דײַן טיר:
אַזאַ יונגער טויט — פֿאַר וואָס קומט ער מיר?

איך קוק אין די נעכט מיר די אויגן אויס
נאָך אַן ענטפֿער פֿון דיר, נאָך אַ צייכן כאָטש בלויז,

אַ העליש פֿײַער פֿאַרכאַפּט מיך און צינדט,
און ראַטעווען קענסטו נאָר איינער אַצינד

כ׳וואָלט פֿאַרשטשעמעט אַ פּויסט, ווי די וועלט אַזוי גרויס —
איך קען נישט פֿון מײַנע בראָכן אַרויס.

צום צדיק־וישר שרײַ איך נישט מער —
ער הערט נישט מײַן־ווייטיק, ער זעט נישט מײַן טרער...

אַ פּשוטער מלך, אַ בשר־ודם.
וואָלט גיכער דערהערט מײַן געשריי פֿונעם תּהום.

און פֿאַר וועלכע זינד קומט מיר דאָרטן די דאַר,
וואָס דער כּוח־גבֿרא קומט פֿון דאָרט?

אַזאַ פּורענות — ווער שיקט אויף מיר, ווער —
און איך בין אַ ווערעמל, גאָרנישט מער...

איך באָד זיך אין אַנגסטן, איך שרײַ אין מײַן בראָך:
פֿאַר וואָס דערצו די פֿאַרשעמונג נאָך?

כ׳וועל אַפֿילו צום בית־דין של מעלה גיין
מיט מײַן געשריי אין מײַן געוויין״.

* * * * * *

און זײַנוול גילדינס פֿאַרשטשעמעטע פּויסט
האָט געשטאַרצט נאָך פֿון די תּכריכים אַרויס —

ער עפֿנט זי אָבער, ווי נאָר ער דערהערט
די ערשטע צוויי לאָפּעטעס קבֿר־ערד...

אָן שום גערעדעריַי

דעם ערשטן מענטש, וואָס כ׳האָב היַינט געטראָפֿן,
בין איך מיט פֿרייד אַקעגנגעלאָפֿן.
איך האָב אים אויף זיַין געזונט געפֿרעגט,
און ווּהין סע פֿירט אַזוי פֿרי אים דער וועג.
האָט ער מיר געענטפֿערט: איך גיי שלינג און שלאַנג —
און וויַיטער געוואָלט אַוועק אויף זיַין גאַנג.

האָב איך אַ צווייטן מענטש באַגעגנט,
און כ׳בין אים געגאַנגען געהיט אַקעגן.
ער האָט מיר אויסגעזען פֿאַרצאָגט,
האָב איך נאָר מיט די אויגן ״גוט־מאָרגן״ געזאָגט.
אַזוי האָט ער אויך געענטפֿערט מילד —
ווי איך וואָלט אַ ביסל זיַין ווייטיק געשטילט.

דער דריטער מענטש איז פֿאַרכמאַרעט געגאַנגען,
ווי ס׳מעצער וואָלט אים געהאַלטן אין צוואַנגען,
די אויגן אָפֿן — נאָר ר׳האָט נישט געקוקט,
האָב איך מיך פֿון וויַיטנס צון אים געבוקט.
איך האָב מיר געטראַכט: ער ענטפֿערט נישט? רעכט;
איך האָף נאָר, ער טראַכט נישט אויף מיר קיין שלעכטס.

כ׳האָב די דרײַ אין שטוב אַרײַן פֿאַרבעטן —
געבעטן שׂרהן, זי זאָל פֿאַרקנעטן
אויף קיכלעך, און צושטעלן קאַווע גיך,
ווען זײַן פֿאַר די געסט און אויך פֿאַר זיך.
האָט זי געפֿאָלגט, ווײַל די מיצווה איז גרויס
צו האָבן געסט בײַ זיך און הויז.

האָ׳ מיר אַלע פֿינעף אַ סעודה געפּראַוועט
מיט אייער־קיכלעך און טעפּעלעך קאַווע,
און איינער דעם צווייטן די הענט דערלאַנגט,
און איין איינציק וואָרט געזאָגט: אַ דאַנק.
אַ גוטע שטיל האָט אונדז אײַנגעהילט.
״אַ דאַנק״ איז אויך געווען צו פֿיל.

מ׳איז יעדער געזעסן, מיט זיך פֿאַרנומען.
קיין וואָרט איז מער אויף דער צונג נישט געקומען.
מ׳האָט נאָר געהערט: דער זייגער גייט,
מ׳האָט נאָר געזען: דער טאָג פֿאַרגייט.
האָבן זיך פֿאַרנייגט די געסט, די דרײַ,
און אַוועק, אָן שום גערעדערײַ.

אַ ביטער ליד

זײַן שאָטן האָט אים אָנגערעדט:
גיי, זוך וואָס ד׳האָסט פֿאַרלוירן —
סע ליגט און קוקט אַרויס אויף דיר,
האָסט עס נישט אָנגעווירן.

איז ער אַוועק אין וואָגלעניש:
ער וועט עס נאָך געפֿינען.
די בענקשאַפֿט האָט אַרויסגעיאָגט
די מורא פֿון זײַן זינען.

ר׳האָט טיפֿע וועלדער דורכגעשפּאַנט,
און ס׳האָט אים אַלץ געצויגן.
די וואָגלעניש אַ לעבן לאַנג
האָט אים געמידט די אויגן.

און אַז ער האָט דערגרייכט דאָס אָרט,
ווו ס׳דאַרף זײַן אוצר וואַרטן —
איז ער אַרײַן ווי אין אַ תּהום,
אַ ביטער אָפּגענאַרטער.

❀

ג.

תוהו און בוהו

בײַ די לענדערראַנדן שטייען
מאָנסטערס און פּאַרזעענישן —
און סע שפּײַט פֿון זיי מיט פֿײַער
און מיט טויביקע געצישן.

און דער וועלטס מיליאָנען מאַמעס
תּפֿילהדיק צו זיי זיך ציִען
מיט די עופּעלעך אויף ד׳אָרעמס,
גאַנצע טעג, ביז אין די פֿריִען.

וואַרפֿט אַוועק די האָפֿענונגען
דאָ איצט רחמים צו געפֿינען.
ס׳איז נאָר דאָ די איינע טרייסטונג —
גיך אַראָפּצוגיין פֿון זינען.

תּוהו ראַנגלט זיך מיט בּוהו,
ווילדע רײַסן אײַן די רוימען.
עמעץ וואָגלט אום מטורף —
זאָל דאָס זײַן דער וועלטן־שומר?

בײַטאָגיקער קאָשמאַר

דער טויער פֿונעם טאָג האָט זיך געעפֿנט.
איך בין אַרויס אַרומצונעמען װעלטן —
האָט מיר אַ פֿלעדערקאַץ דעם װעג צעשניטן
און האָט מיט אַ געקוױטש דעם שטעג פֿאַרשטעלט מיר.

אויף איר געשרײ איז באַלד געװוען אַ טשאַטע
אַזױנע פֿלעדערקעץ, װי זי, אַרום מיר,
װי זײ װאָלטן געװאַרט אויף איר פֿון לאַנג שױן —
אַזױ זענען זײ אַלע אָנגעקומען.

און אײנע גיט זיך װילד אויף מיר אַ שלײַדער,
און רײַסט פֿון מיר אַרױס דאָס האַרץ, דאָס הײסע —
און טײלט עס צװישן אַלע קעץ פֿונאַנדער,
װי ס'װאָלט איר עמעץ אָט אַזױ געהײסן.

זײ הײבן אָן זיך ריטואַל צו דרײען
אַרום מײַן לײַב, װאָס האָט שױן איצט קײן האַרץ נישט,
זײ פֿלאַטערן אין פֿינצטערע הקפֿות
און שװינדן ביסלעכװײַז אין אַל די שװאַרצע.

און אַז דאָס אָרט אַרום װערט װידער לײדיק,
דערזע איך דאָרט, װוּ זײ האָבן געהעפּעט,
אַ קלאָץ, און אויפֿן קלאָץ אַ באַרדע —
איך זאָל אַלײן זיך קעפּן.

אין אויטאָבוס

כ׳האָב גענומען אין חלום אַן אויטאָבוס.
נאָר כ׳האָב נישט געזען זײַן נומער.
איך האָב נישט געזען וווהין ער גייט,
און פֿון וואַנען ער איז געקומען.
ער האָט זיך אַפֿילו נישט אָפּגעשטעלט —
און מ׳האָט מיך אַרײַנגענומען.

ר׳האָט נאָר פֿאַרפּאַמעלעכט אַ ביסל זײַן גאַנג —
איך זאָל נישט געניזוקט ווערן.
כ׳בין אַרײַן און געזען, ווי סע זיצן לײַט
און זיי האַלטן איין קלערן.
טייל בורטשען זיך עפּעס אונטער דערבײַ,
נאָר וואָס — דאָס קען מען נישט הערן.

די מיינסטע, אָבער, זיצן סתּם,
נישט אַנדערש: פֿאַרמישפּטע עפּעס.
דער קאָנדוקטאָר טראָגט אַ מאָדנעם מונדיר
מיט אַ וואַזשנע מעשן קנעפּל,
און גילדענע רינגען באַמבלען זיך אים
פֿון איטלעכן אויער־לעפּל.

איך האָב צום קאָנדוקטאָר אַ ווונק געטון,
אַז אַהין און אַהין וויל איך פֿאָרן,
האָט ער געמאַכט: "פֿאַרדרייסט אַ קאָפּ",
און, דאַכט זיך, מיך געוואָרנט:
"דו מיינסט, איך פֿאָר פון נעכטן אָן?
איך פֿאָר שוין זינט אייביקע יאָרן.

מע פאָרט נישט אַהין, ווו מע וויל, יונגער־מאַן,
נאָר ווהין מע שיקט דיך — גייסטו.
דו מעגסט דיר מיינען: איך טו, וואָס איך וויל —
פֿאַראַן, אָבער, איינער, וואָס הייסט דיר."
דער קאָנדוקטאָר קוקט אויף מיר, דאַכט זיך, בייז
און מיט אויגן אויסגעגלייזטע.

(כ'האָב, דאַכט זיך, גערעדט ווי סע דאַרף צו זײַן.
זיך אין ערגעץ נישט געריסן.
אַ שטילע שרעק האָט מיך געצערט,
און אַ בענקעניש האָט מיך געביסן.
פֿאַר וואָס זשע בייזערט ער זיך אַזוי? —
דאָס וועל איך שוין קיין מאָל נישט וויסן.)

דער אויטאָבוס פֿאָרט אַרײַן און אַרויס,
פֿון איין גאַס אין דער צווייטער.
ער פֿאָרט איבער וועגן שמאָלינקע
און איבער סקווערן ברייטע.
דער קאָנדוקטאָר זיצט, און ער קוקט זיך נישט אום.
ער האָט אַ רעדל — דרייט ער.

דער אויטאָבוס פֿאָרט אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט,
ביז מע פֿאַלט אַרײַן אין אַ חלום.
מע דערציילט זיך אין חלום חלומותן
וועגן — ווייס איך דאָרט — בערג און טאָלן,
ווו סע שטייען מילן און טוען נאָר איינס:
די ווינטן צעדריוולען, צעמאָלן.

און טייל מאָל מיינט מען: דער אויטאָבוס
האָט ערגעץ פֿאַרבלאָנדזשעט, נישט אַנדערש —
ער דרייט זיך און קערעוועט זיך ווי דול,
ווי'ן אַ זאַמדיקן מידבר־וואַנדער.
לסוף, אָבער, קומט ער אַהין ווו מע דאַרף,
מיט אַלץ און מיט אַנאַנדער.

און מאַכט זיך, אַן איבערקערעניש קומט,
מע מיינט: די וועלט אָט־אָט עקט זיך,
דעם אויטאָבוס פּלאַצן די רעדער באַלד,
די שויבן — פֿאַרוויינטע, פֿאַרמעקטע —
ער פֿאָרט, אָבער, פּונקט ווי מע מיינט נישט אים,
קיין שטורעם קען אים נישט שרעקן.

און טאָמער האָט עמעץ געוואָלט, צי געמוזט
פֿאַרלאָזן די קאָטש אין מיטן,
האָט דער קאָנדוקטאָר — חלילה וחס! —
די יאַזדע נישט איבערגעשניטן;
לעהיי ער וואָלט אין אַ פּאַראַד
אויף אַ פּריצישן פֿערד געריטן.

כ׳האָב אויפֿגעהויבן אַ פֿינגער צון אים
און געוויזן: ״איך מעג עפּעס זינגען?
די יאַזדע ציט זיך אַזוי ווי פּעך —
פֿון אַ לידל קען ווערן גרינגער״.
האָט ער מיר געענטפערט: ״ס׳אַרט מיך נישט —״
געענטפֿערט, אַלץ מיט די פֿינגער.

ער האָט מיר געוויזן: ״זיץ ווו דו ווילסט,
און טו דיר וואָס דיר גלוסט זיך.
נאָר טאָמער באַפֿאַלן דיך אַלע אַרום:
משוגענער, וואָס טוסטו? —
איז קום זשע נישט דעמאָלט צו לויפֿן צו מיר
מיט געוויין און מיט טענות פּוסטע״.

כ׳בין געזעסן און זיך צוגעקוקט
וואָס סע טוען די פּאַסאַזשירן:
ווי איינער רײַסט זיך די האָר פֿונעם קאָפּ,
נאָר סע הייבט נישט אָן קיינעם צו רירן.
פֿאַרקערט: מיר דאַכט זיך, זיי שמייכלען דערפֿון,
ווי זיי זאָלן זיך אַמוזירן.

און איינער זאָגט מיר, אָן לשון אַלץ:
"ווילסט פֿאָרן אַליין און באַזונדער?
איז שלאָג עס דיר גיכער אַרויס פֿונעם קאָפּ,
און גיב זיך, ברודערל, אונטער.
דאָ פֿאָרט מען מיט אַלע אין איינעם — און אויס!
דאָ טרעפֿט זיך נישט קיין וווּנדער".

דערפֿון איז מיר ענג געוואָרן אין האַלדז,
און איך האָב דערפֿילט: איך מוז שרייַען.
האָב איך עס געוויזן עטלעכע לייַט,
האָבן זיי מיר געזאָגט: "שטותערייַען".
(מיר האָבן גערעדט אויף חלום-שפּראַך:
מיט די הענט און מיט העוויות).

איז מען ווייַטער געזעסן, געהיצט זיך, געשוויצט,
ווי דעם אויטאָבוס איבערצויאָגן.
און טייל — פֿאַראומערט, דעם קאָפּ אין די הענט,
מע הערט זיי קיין וואָרט נישט זאָגן.
און טייל, ווידער, קוקן פֿאַרבענקט אין דער ווייַט,
צי אין פּינטשעוו נעמט נאָך נישט טאָגן...

* * *

רבותי, ברעכט זיך נישט די קעפּ,
און בויערט זיך נישט דעם זינען.
איך פֿרעג דאָ נישט קיין רעטעניש,
און מע דאַרף נישט קיין פּיתרון געפֿינען.
מע זיצט דאָך אַלע אין אויטאָבוס,
מיר פֿאָרן דאָך אַלע דערינען.

צי ווייסן נאָך די זשאַבעס דאָרט

דער טאַטע פֿירט מיך ביַי דער האַנט —
און אַלט בין איך זעקס אָדער זיבן יאָר —
(און וואָס כ׳האָב אין יענע יאָרן געזען,
איז היַינט נאָך אויכעט הייליק און וואָר.)

דאָס בית־מדרש שטייט צעלויכטן שטיל,
די פֿענצטער־אויגן — צעשמייכלט פֿאַרטראַכט.
מיר שפּאַנען אין דרויסן אַרויס — און אַריַין
אין אַן אויסגעשטערנטער סדר־נאַכט.

נישט אַנדערש, נאָר עטלעכע שטערנדלעך
זענען נאָר וואָס אַראָפּ פֿון דער הייך געהיים,
צו באַליַיכטן דעם שטראָז און די סטעזשקע דערנאָך,
וואָס פֿירן געטריַי פֿון דער שיל אַהיים.

אין דער היים וואַרט די מאַמע און שוועסטער דריַי,
מיטן טאַטן גייען פינעף זין.
ווי קען עס אַ נאַכט אַזוי ליכטיק זיַין
און שמעקן אַזוי מיט געווירץ און מיט גרינס!

דער טאַטע פֿירט מיך בײַ דער האַנט.
דו "פֿיר קשיות" ווילן אַרויס פֿון מיר —
זיי פֿלאַטערן ווי אין אַ ליכטיקער שטײַג —
מע זעט שוין פֿון ווײַטנס די שטוב און די טיר.

אָט, אָט — און איך עפֿן זיי די שטײַג —
ס'איז זמן־חרותנו, איר פֿייגעלעך פֿיר —
באַלד גרייט מען דעם טאַטן אַ היסב־בעט,
און מ'עפֿנט פֿאַר אליהו־הנביא די טיר.

אין געמויזעכץ, וואָס אין דער לאָנקע, נישט ווײַט,
טאַקע ממש נאָר מיט דער האַנט דערלאַנג,
עפּעס צינדן זיך קאַנעצלעך איינס נאָך איינס,
און מע הערט עפּעס קלערער דאָס זשאַבע־געזאַנג.

די זשאַבעס קוואַקען דעם גאַנצן װעג.
זיי ווייסן מסתּם, האָב איך דעמאָלט געטראַכט,
אַז הײַנט איז פּסח — ווי ווייסן זיי עס? —
און הײַנט איז פֿון אַלע נעכט אַנדערש די נאַכט...

* * *

דער טאַטע — נישטאָ שוין, די מאַמע — נישטאָ.
דאָס שטעטל — אַ וויסט און פֿינצטער אָרט.
צי קוואַקען די זשאַבעס דאָרט פּסח נאָך איצט?
צי ווייסן זיי נאָך, ווען ס'איז פּסח דאָרט?

הלוואַי

געדאַרפֿט כ׳האָב דעמאָלט אַלט זײַן אַ יאָר אַכט, צי נײַן —
בין איך אויף יאָרן אין אַ שטילער שרעק אַרײַן:
געזען, ווי מיט אַ טלית שטייט אַ ייִד און שלאָגט
זײַן ווײַב, און זי, באהבֿה, נעמט אַלץ צו, פֿאַרצאָגט.

כ׳געדענק, ווי איך האָב יאָרן לאַנג דערנאָך געמיינט,
און ס׳האַרץ האָט זיך אין מיר געוואָרפֿן און געוויינט:
מסתּמא טוען אַלע ייִדן אָט אַזוי —
דער פֿרומער ייִד, אין כּעס, איז אויכעט נאָר אַ גוי.

כ׳האָב, דאַנקען גאָט, אַזוינס מער קיין מאָל נישט געזען;
דאָס איינע מאָל איז אָבער שוין גענוג געווען
מיר נאָכצוגיין און מיך צו שרעקן ווי אַ גרויל,
און צײַט נווײַז אויף מיר צו עפֿענען דאָס מויל.

דערנאָך, ביז כ׳האָב פֿאַרלאָזט די היים, צו צוואָנציק יאָר,
האָב איך אין הויז בײַ אונדז געזען אַן אַנדער וואָר:
דער טאַטע הייבט נישט צו דער מאַמען אויף דאָס קול —
מע טראָגט אין איינעם שטיל און שיין דעם קינדער־עול.

דער טלית איז צו דינען גאָט, אַ הייליקייט,
און נישט דערמיט צו שלאָגן און פֿאַרשאַפֿן לייד.
הלוואַי בײַ אַלע מײַנע ליבע אַזאַ פֿריד,
ווי צווישן מײַנע טאַטע־מאַמע האָט געבליט.

טאָרקוועמאַדאַס אַן אייניק

דאָס ערשטע בוך מײַנס — מאָנטרעאַל, און נײַנצן פערציק —
האָב איך געבונדן אין אַן אַלטער בינדערײַ.
כ׳האָב זיך געשראָקן: מע׳ט מיר נאָך פֿאַרווענדן בלעטלעך —
בין איך די גאַנצע צײַט געשטאַנען בײַ דערבײַ.

געהייסן האָט די בינדערײַ "די יעזוס־ברידער".
גלחים און גלחימלעך — וואָס אַרט עס מיך?
זיי קענען נישט קיין לשון־קודש אות אַפֿילו,
נאָר מ׳אַרבעט מיט כּוונה און, דערעיקרשט, גיך.

איז איין מאָל זע איך ווי דער עלטסטער צווישן אַלע,
אַ לאַנגער און אַ דאַרער, און מיט אויגן — ברען,
האַלט מײַנס אַ בוך פֿאַרקערט; און מיר האָט זיך געדאָכטן,
אַז ער, דער אַלטער, יאָ דעם אַלף־בית כאָטש קען.

איך זאָג אים: "מאָנסיניאָר, האָב איך געמאַכט אַ טעות?
געמיינט, אַז אַלע קענט איר כאָטש דעם אַלף־בית.
דו זאָלסט אויף מיר נישט קיין פֿאַראיבל האָבן, כ׳בעט דיך.
אויף ערנוואָרט, אַז איך האָב נישט געמיינט קיין בייז."

און ער צו מיר: ״און דו?״ ״כ׳האָב דאָך דאָס בוך געשריבן״.
״און היברו קענסטו אויך?״ ״איך לייען דעם תּנך
און כ׳האָב אים ליב, און כ׳קען אַפֿילו אויסנווייניק
אַ סך דערפֿון, אין דער אָריגינעלער שפּראַך״.

״בײַ אײַך איז היברו הייליק, און בײַ אונדז — לאַטײַניש.
פּרוּוו, רעד צו מיר לאַטײַניש — וועל איך דיך פֿאַרשטיין.״
״דער פּויפּס מיט די ביסקופּן קענען לשון־קודש?״
״זיי — יאָ, קען זײַן, נאָר פּשוטע גלחים — ניין.״

אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, און באַלד דערזע איך:
ער קען ״די ביבל״, אָבער ווינציק, ווינציק וואָס —
ישעיה, תּהילים דאָ און דאָרט אַ לעק, מער גאָרנישט.
וואָס קען מען מאָנען פֿון אַ גלח? גוט איז דאָס.

״האָסטו געלייענט דאָס בוך ישעיה?״ (איך האָב תּיכּף
פֿאַרשטאַנען וווּאַהין ער צילט —) ״נו, יאָ — געוויס.״
״האָסטו געזען מאַריאַן און איר זון אין טעקסט דאָרט?״
״ניין, נישט געזען...״ (און דאָס האָט אים געטון אַ ביס.)

און אָן שום וואָרענישן כאַפּט ער שוין אַ מעסער:
״פֿאַר וואָס, אין אײַער מצה, מישט איר קריסטלעך בלוט?״
ער האָט געפֿרעגט ״פֿאַר וואָס?״ און נישט ״צי איז עס אמת?״ —
און דאָס האָט מיר דערלאַנגט אין פּנים, ווי אַ קנוט.

געוואָלט אים ענטפֿערן, נאָר כ׳פֿיל בפֿועל־ממש:
מיר דינען נישט די ליפּן — און די צונג, דאָס מויל;
אין ד׳אויערן, אין ד׳אויגן, ביז אַרויף צום מוח,
ווערט פֿול מיט רויך פֿון שײַטער־הויפֿנס און מיט גרויל.

אָט שטייט ער דאָ פֿאַר מיר, אַן אייניק טאָרקוועמאַדאַס,
וואָס ווען מע לאָזט אים, ווייַזט ער וואָס ער וואָלט געקענט:
צעלייגן האָלץ, און אויבן — לעבעדיקע ייִדן,
און עפּעס דאָרט אַ פּרעפּל טון, און זאָגן: ״ברענט!״

די פּרעפּלערייַ, פֿאַרשטייט זיך, וואָלט געווען לאַטייַניש,
דער ״ברענט!״ — קען זייַן, אויף פּשוטן ווערנאַקולאַר.
איך האָב געוואָלט אים עפּעס ענטפֿערן, נאָר אַלץ נאָך
האָב איך געפֿילט: די צונג, די ליפּן זענען שטאַר.

כ׳האָב אָפּגעוואַרט אַ גוטע האַלבע שעה, מסתּמא,
און כ׳האָב דערפֿילט: דאָס לשון קומט מיר שוין צוריק,
בין איך צום אַלטן צוגעגאַנגען, אָן שום קונצן,
און אויף לאַטייַן געזאָגט: ״דו וויסטוס, אַלטוס ביק!

דו ביסט אַ פֿינצטערוס אידיאָטוס — דאָס איז זיכער,
אַ פּאָטענציעלוס מאַניאַקוס אויך דערצו.
אַדיע, איך וויל מיט דיר נישט האָבן מער קיין עסק —
אָט, נאַ דיר וואָס דיר קומט, און גיי צון אַל די רו...״

איך האָב אַ כאַפּ געטון מייַן ביסל ביכער־סחורה,
נישט מער געקענט אין אַלטנס דלת־אַמות זייַן.
אַן אויסוואָרפֿוס אַזאַ, אַ רוחוס אין זייַן טאַטוס! —
און כ׳האָב נישט אויפֿגעהערט אים שעלטן, אויף לאַטייַן.

געגנאַר מיך נישט

ס'איז נאָך דער נאַכט פֿול וואָלקנבראָך.
דער דונערבליץ האָט זײַנס געטאָן.
ס'איז נאָך געבליבן דאָ אַ שפּאָן,
און דאָרט — אַ צווײַג, וואָס צוויטעט נאָך.

איצט וואַרפֿט מיך ווי אַ בוים, אין וואַלד,
וואָס ציטערט מיט געוויינען שטום,
אַז ער דערהערט: דער העקער קומט
און שאַרפֿט צון אים די האַק שוין באַלד.

נישט ווײַז מיר, מוזע, דײַן גענאָד,
פֿאַרוויג מיך נישט מיט אַחרית־שײַן.
דער פּחד ווײַזט מיר וואָס ס'וועט זײַן —
די האַק צעשווינגט זיך ראָד נאָך ראָד.

און פֿאַלן מיר די ווײַעס צו,
פֿון זען אַזוי פיל מאָרד און שאַנד —
איז רײַס מיט כּוח זיי פֿונאַנד,
און גיב מיר נישט קיין שלאָף, קיין רו.

דער חצות איז אַ פֿאַרלאָשענער.
איך בלאָנקע אום ווי אין דער בלינד.
און מיין געשריי דערשרעקט דעםווינט,
וואָס האָט מיך פֿון דער ווייט דערהערט.

געניאַר מיך נישט מיט שיינע רייד:
נאָך טיפֿער פֿינצטער קומט די פֿרי
מיט ווינטל־פֿלאַטער און פֿייגלפֿלי.
איך זע די האַק, ווי זי איז גרייט.

ניין, נישט קיין שלאָף, איך ווייס דאָך ווויל:
די רגע פֿרי פֿאַרפֿליט און שווינדט.
סע אייביקט נאָר דער אָסיענווינט,
מיט פֿולע לונגען שרעק און גרויל.

געניאַר מיך נישט. איך ווייס דאָך ווויל:
פֿאַרשלעפּסט מיך אין אַ חלום־שויס —
און וואַרפֿסט מיך אין דער נאַכט אַרויס,
דער טיפֿסטער פֿינצטערניש אין מויל.

איך בלאָנקע דאָרט אין היילן אום,
און איבער מיר — די וויסטע ערד,
ווו גאָט האָט מײַן געשריי דערהערט,
און האָט צוריקגעשריגן: שטום!...

פֿון ערגעץ רײַט אַ רײַטער אָן

פֿון ערגעץ רײַט אַ רײַטער אָן
ער שלעפּט נאָך זיך אַ צעפֿליקטע פֿאָן.
ער וואַקלט זיך אויפֿן מידן פֿערד
דורך מײַלן בלוט־געווייקטער ערד.

ער האָט געוווּנען יעדע שלאַכט.
איצט וואָלט ער זיך דעם סוף געמאַכט,
נאָר ר׳האָט קיין טראָפּן כּוח מער —
אויף מײַלן בלוט־געווייקטער ערד.

דאָס פֿערד זײַנס פּלאָנטערט מיט די טריט.
קיין וועג, קיין שטעג מער זעט מען ניט.
בלויז שפּאַן פֿון זײַנע טריט מע הערט
אויף מײַלן בלוט־געווייקטער ערד.

נישט ווײַט — אַ רויט געפֿאַרבטער שטראָם.
ער רוישט און שרײַט ווי פֿון אַ תּהום.
אָט די געשרייען בלויז מע הערט
אויף מײַלן בלוט־געווייקטער ערד.

חוץ חרוב לאַנד איז גאָר נישטאָ,
נאָר טשאַטעס קראָען זענען דאָ,
און יעדע האָט וואָס זי באַגערט
אויף מײַלן בלוט־געווייקטער ערד.

און דאָס טשיזשיקל

... און דאָס טשיזשיקל, אוי־ווי מיר,
אין דער מיטן פֿון זײַן פֿליִען,
ווערט פֿאַרגליווערט און בלײַבט הענגען
אויפֿן ווינט, ווי אויף אַ תּליה.

און די לעצטע טרעלן זײַנע,
בלאָלעכדיק און אויסגעציקלט, —
עמעץ האָט זיי אָפּגעוואָרגן
מיט אַ סמיק דראָטנשטריקל.

אָן אַ צאַפּל מיט די פֿליגל
הענגט עס, ווי אַ פֿינצטער שטיינדל.
וואָלט דער הימל נאָך געשטערנט,
וואָלט אַראָפּ אַ שטערן ווײנען.

די מרה־שחורה

די מרה־שחורה קריכט צו מיר
דורך שפּאַלטן אין די ווענט;
זי קריכט פֿון אונטער דיל אַפֿיר
און מידיקט מיר די הענט.

געננג, און לייג די פּען אַוועק —
ווער קוקט אויף דיר אַרויס?
אין דרויסן ליגט די גרעסטע שרעק
און שלינגט באַלד איַין דיַין הויז.

דו מאַכסט זיך טויב און מאַכסט זיך בלינד,
דו ליגנערסט טאָג נאָך טאָג.
האָסט נישט געהערט נאָך ביז אַצינד
פֿון הירֹאָשימאַ? זאָג!

אוי, גאָט אין הימל, שטראָף מיך נישט —
אַ הירֹאָשימאַ־ליד?
איך שפּאַן אין טיפֿער פֿינצטערניש
ב׳אַ טײַך מיט בלוט, וואָס זידט.

ס׳איז נישט קיין הרי־חושך־טײַך,
וואָס שבת איז ער שטיל,
און וואָס מיט מעשׂות איז ער רײַך
און איז אין סוד געהילט.

נאָר ס׳איז די סאַמע גרויליקייט,
וואָס הרגעט מיטן בליק —
גיי, שרײַב דערפֿון אין ריטמענרייד,
און שאַף דערצו מוזיק.

אַ מרים־ברונעם מיט געזאַנג
האָט מיך ביז הײַנט גענערט,
אַ קאַפּ פֿאַרגרינגערט מיר דעם גאַנג
אויף מידברדיקער ערד.

האָב איך געזונגען, ווי מע זאָגט,
אָט ווי דער פֿויגל זינגט,
וואָס ער צעזינגט זיך ווען סע טאָגט,
און ווען דער טאָג פֿאַרזינקט:

און זײַ מיר מוחל, פֿרײַנד, מײַן ליד —
כ׳האָב אַנדערש נישט געקענט
מיט מײַן געשלאָגענעם געמיט
און טרויעריקע הענט.

קץ־הימין

ייתי ולא אחמינה (סנהדרין צח׳ ע״א)

איך האָב געזען אַ שטיין אין פֿעלד,
אַ וויסטן, אָן אַ נאָמען.
— באַהאַלט מיך טיף, איך וויל נישט זען
ווי ס׳קומט דער קץ־הימין.

איך ווייס נישט וואָס דערנאָך וועט זײַן —
קען זײַן, די פֿריד וועט קומען;
נאָר כ׳וויל נישט דורכגיין, ביז אַהין,
קיין הונדערט בלוט־מהומות.

איך וויל נישט זען אַ פֿריד אַזאַ,
אַ פֿריד, אַן אויסגעבענקטע,
וואָס מ׳האָט אין הונדערט בלוטבעדער
געמוזט זי פֿריער שווענקען.

תפילה 1980

איך שטיי אויף קיזלשטיינער,
און כ׳זע, און איך דערקען, די ווײַטסטע שטערן.
איך ווייס נישט פֿון קיין איבערטראַכטענישן,
קיין קווענקלענישן און — קיין טרערן.

ווו זענען יענע שטערן־אויסגענייען,
וואָס כ׳האָב אין זיי צירופֿי־אותיות געפֿונען,
און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט: איך זע דעם שם־הוויה.
ווו נעמט מען איצטער, גאָט, אַ פֿונק אמונה?

דעם מהלך־רבֿ פֿון מיר ביז צו די שטערן
בין איך אַריבער אין איין רגע שטילער —
מיט בעטנדיקע אויגן,
אויף די צעשפּרייטע פֿליגל פֿון מײַן תּפֿילה.

איצט איז דער הימל, און אין מיר די גאַפֿונג,
פֿאַרשניטן פֿון אַ פֿינצטער פֿײַער.
ווי קען איך זיך באַגיין אָן דיר אַצינדער,
אוי, גאָט געטרײַער — ?

דאָס כתבֿ איז אָפּגעמעקט אויף דער יריעה הימל —
מע קען אין איר שוין מער נישט לייענען.
און קוקט מען טיף אַרײַן — פֿאַרפֿליט דער אָטעם,
מע קען שוין אַזש נישט וויינען.

ווי פֿון אַ לעכעריקן ריידזאַק קומט מײַן לשון,
און מײַנע ווערטער שטומען.
ווו וועל איך זיך אַהינטון,
אַז ס׳וועט קיין אצבע־אלוקים נישט קומען?

אויף ווען זשע באַהאַלטסטו
דײַן רעכטע האַנט?

כ׳האָב זיך איבערגעוועקט, און אין דרויסן אַרויס;
דער דרויסן איז אויף אַ תּפֿיסה־הויז

מיט געבעבע, הייזעריק און שטום,
איז פֿול דער פֿינצטערער אַרום.

די שטערן האָבן נישט קיין שײַן —
זיי כליפּען שטיל אין זיך אַרײַן.

די שטערן האָבן נישט קיין ליכט —
פֿאַרקאָוועטע טרערן אויף גאָטס געזיכט...

און בלינדע קינדער האַלטן זיך בײַ די הענט —
זיי בלאָנדזשען אַרום בײַ די טויבע ווענט.

וואָס זוכן זיי בלינד אין דער פינצטערניש?
קיין טאַטן, קיין מאַמע געדענקען זיי נישט.

פֿאַראַן אַזאַ סם, וואָס קומט ווי אַ ווינט —
ער מעקט אויס דעם זכּרון און ברענגט די בלינד.

זיי שרייַען, זיי רעווען. נאָר נישט מע הערט —
דאָס געוועוועע ליגט שטום אויף די פּנימער.

וואָס נאָך וויל דער סמיקער ווינט אין דער שטיל?
דעם זכּרון און ד'אויגן — מער גאָרנישט ער וויל.

מיר העלפֿט נישט מייַן שטערן־זעערײַ —
איך בין איינס פֿון די קינדער. איך בין פֿאַרבײַ.

וואָס טויג מיר די חכמה, וואָס כ'האָב מיר געקויפֿט?
איך בין איינס פֿון די קינדער אין בלינדן הויף.

וואָס טויג מייַן גרויסמערישע שפּראַך —
מיר דאַכט זיך: איך הער, ווי דער הימל קראַכט.

דער הימל קראַכט. אַ געוויכער קומט.
מיט טויבן גליווער איז פֿול דער אַרום.

* * *

געטרייער פֿאָטער, אַז דו ביסט פֿאַראַן —
אויף וועמען זשע באַהאַלטסטו דייַן רעכטע האַנט?

פֿונעם מויל פֿון אַ פֿײַער־שפּײַער

„דער אייבערשטער דאַרף נישט קיין זעכצן מיליאָן,
וואָס דאָס רובֿ זענען חזיר־פֿרעסערס
און מחללי־שבת בפֿרהסיא.

זיי האָבן דעם חורבן אויף אונדז געברענגט.
דער אייבערשטער שטראָפֿט נישט פֿאַר גאָרנישט.
ז'האָבן אָפּגעטון אַלץ וואָס מע טאָר נישט.

דער אייבערשטער דאַרף נישט קיין זעכצן מיליאָן —
גענוג אים אַ הײַפֿל מאמינים,
וואָס היטן אָפּ מיצוות און דינים.

איצט שאַלטעוועט איר ווי בײַ זיך אין דער היים
אויך אין אונדזער ארץ־הקדושה,
און די זנות איז דאָרטן אין גרויסן.

מ'האָט אײַך נישט געבעטן קומען אַהין.
מיט אײַך איז אַרײַן די מהומה.
איר לאָזט נישט משיחן קומען.

אַזאַ מין אַפּיקורסים־פֿאָלק,
וואָס טרעט מיט די פֿיס די תּורה,
ט'נישט געדאַרפֿט גאָר ווערן געבוירן.

סע מעג אויף אײַך קומען אַ נײַע בראָך,
און הלוואַי זי זאָל קומען וואָס גיכער —
ווע'מיר גיכער דערלעבן משיחן".

ער האָט אָפּגעזאָגט זײַנס, און איז אַוועק,
אַ צערייצטער, אַן אײַנגעשפּאַרטער.
דעם אייבערשטן האַלט ער אין גאַרטל.

פֿאַרן וועלט־פּאַרלאַמענט

כ׳בין געשטאַנען פֿאַרן וועלט־פּאַרלאַמענט,
און כ׳האָב מיר אַזוי געטראַכט:
ווען מע לאָזט מיך אַרײַן, וואָלט איך אַלעמען
מיט דער בלאָטע גלײַך געמאַכט.

״אין די ווײַטע העלדז זאָלט איר שעמען זיך״
— וואָלט איך געמאַכט אַ געוואַלד —
״גיט אַ קוק, וואָס איר האָט געטון מיט דער וועלט:
אַ וויסטער רוצחים־וואַלד.

ס׳איז באַלד שוין נישטאָ קיין אָרט אויף איר,
מע זאָל קענען זאָגן: אָט דאָ
וואָלט איך וועלן וווינען בשלומדיק
ביז מײַן סאַמע לעצטער שעה״.

— און מער וואָלט איך נישט מאַריך געווען —
ווער האָט דען כּוח דערצו?
כ׳וואָלט נאָר געזאָגט: ״מערזאַוועצעס איר —
איר זאָלט לאָזן די וועלט צו רו!״

און כ׳וואָלט זיי איינס נאָך איינס פֿאַרפּאַקט
אין שיפֿן, און זיי פֿאַרשיקט
אַהין, ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט —
אויף קיין מאָל נישט קומען צוריק.

"און נעמט מיט זיך ווײַב און קינדער מיט,
און וויפֿל איר האָט פֿאַרמעג,
און כ׳זאָל אײַך פֿאַר מײַנע אויגן נישט זען
ביזן סוף פֿון אײַערע טעג!"

בײַ דער סאַמע טיר פֿונעם וועלט־פּאַרלאַמענט
האָט אַ לץ זיך ווילד צעלאַכט:
"חיים־יונתן דעם שוחטס זון —
ס׳האָט דיך ווער פֿאַר אַ שתּדלן געמאַכט?

פֿאַראַן אַ גאָט — גלייב יאָ, גלייב נישט —
ר׳איז אָבער דאָ דאָך פֿאָרט:
אַ סימן האָסטו — ער לײַכט דאָך צו
צו גזילה און צו מאָרד.

סך־הכּל, ווער האָט באַשאַפֿן די וועלט —
אַזוינע ווי דו, צי ער?
ווילט איר גאָר אָנהייבן פֿירן זי איצט?
ס׳וואָלט געווען דאָך דער גרעסטער מאַלער!

האָסט אַ מאָל די ציגן געפֿירט צום באָק —
ביסט געווען אַ יאָר אַכט צי נײַן,
איז דערפֿאַר אָט־אָ, מיינסטו, קענסטו שוין
אַ וועלט־צעפֿירער זײַן?

פֿאַרשרײַב זיך אַפּרײַער, ווי איטלעכער דאָ,
אין אַ גרויסער וועדסיטעט,
און לערן זיך רעדן אַזוי, אַז מע זאָל
נישט פֿאַרשטיין קיין וואָרט, וואָס דו רעדסט.

דער עיקר איז רעדן, פֿאַרשטייסטו מיך.
וואָס איז דאָס בײַ דיר פֿאַר אַ שפּראַך? —
אָן פֿליטערלעך, אָן דזשימדזשיקלעך —
סע רופֿט דאָך אַרויס געלאַך.

ווי קענסטו זיך מישן אין וועלטפּירערײַ —
האָסט דאָך מורא פֿאַר ד׳אייגענער שײַן.
דו טומטום, דו אַנדרוגינוס —
צוריק אין דײַן רו אַרײַן!״

און ער האָט גענומען זיך יאָגן נאָך מיר
נאָר כאַפּן מיך — נישט געקענט.
כ׳האָב איין מאָל אַפֿילו שוין באַלד דערגרייכט
די טיר פֿונעם פּאַרלאַמענט.

כ׳האָב שיר נישט באַוויזן ממש אַ נס,
נאָר דער לץ האָט זיך ווידער צעלאַכט —
און דאָס האַרץ אין מיר, דאָס פֿאַרסאַפּעטע,
האָט טרויעריק זיך פֿאַרטראַכט...

געשיכטע

איר׳ט אַ מאָל געהערט דערציילן
פֿונעם פּרינץ מיט דער פּרינצאָכע —
ווי זיי האָבן זיך צעווערטלט
און זיך איינס דאָס אַנדערע דערשטאָכן —

(קודם זיך געהאַלדזט און זיך געליובעט,
טאַקע נאָר ווי פּרינצן מיט פּרינצאָכעס קענען —
און אַ רגע שפּעטער האָט מען זיך גענומען
איינס בײַם אַנדערן די קישקעס טרענען —)

סײַ ווי, אירער אַ געוועזענער ליובאָווניק
איז פֿון ווײַט געקומען זיך אַרײַנצולייגן —
און דעם פּרינצס משפּחה אויסגעקוילעט,
פֿון אַן אַלטן ביז צו עופֿעלעך, וואָס זייגן.

נאָר ס׳האָט זיך דערנאָך געיאַוועט
עפּעס דאָרט דעם פּרינצס אַ ממזר, אַ פֿאַרשטעלטער,
וואָס ער איז געהאַט עק וועלט אַנטלאָפֿן
מיט אַ קאַסטן צוגעראַבעוועטע געלטער —

און ווי נאָר דער ווינט האָט אים געמאָלדן
אָט דאָס נײַסל פֿון די מערדערײַען,
האָט ער זיך געטראַכט, אַז איצטער
וועט מען אים מסתּמא אין דער היים באַפֿרײַען —

איז ער טאַקע באַלד אַוועק צוריק אַהיים און
— וואָס באַדאַרף ער איבערטראַכטן? —
איינס און צוויי און דריַי, און
זיך גענומען אַלע מאַכטן.

פֿשטייט זיך, ר׳האָט זיך אויסגעקליבן
פֿון אַ כאָפּטע לעצטע־יונגען מיניסטאָרן,
און, פֿון איצט, וואָס ר׳האָט געוואָלט נאָר,
איז עס באַלד געוואָרן.

און מ׳האָט גאָרנישט אויפֿגעהערט צו זינגען
און צו שריַיען:
״מ׳האָ׳מיר שוין אַ נייעם קיניג, האָ׳מיר,
און מיט מיניסטאָרן שפּאָגל ניַיע!״

דאָ בליַיבט שטיין דער שריַיבער פֿון די שורות,
ר׳וויל נישט אַלצדינג אויסדערציילן —
זאָל דער לייענער אַליין דערשפּאַנען
עטלעכענע איילן.

זאָל ער צוטראַכטן אַ המשך צום דערציילטן
נאָר מיט וואָס מער הרגערייַען — ווייַל ס׳איז וויכטיק:
אַז מע טאָפּטשעט נישט ביז צו די קני אין בלוטן —
הייסט עס נישט געשיכטע...

❀

דרײַ קאַטאָוועסלעך

1

איך געדענק נישט ווער: צי טען, צי בראַנדעס —
עמעצער האָט אָבער פֿאָרט געזאָגט:
"וועגן וואָס אַ שרײַבער זאָל נישט שרײַבן,
שרײַבט ער וועגן זיך" — ס'איז קלאָר ווי טאָג.

גם אַני הקטן בין עס מסכּים —
כ'האָב דערינען טיף אַרײַנגעקלערט:
וועגן וואָס ער שרײַבט, איז וועגן זיך נאָר —
מעג זײַן אַ בהמה, צי אַ פֿערד...

2

חברים זאָגן מיר: "קענסט דאָך דײַטש
מיט אַלע פּיטשעווקעס קלענצטע —
טאָ שרײַב זשע דײַטש, ס'איז דאָך עפּעס אַ שפּראַך
מיט ברייטע, צעעפֿנטע פֿענצטער."

"איך האָב די דײַטשן טיף אין דר'ערד:
כ'קען לײַטיש דאָס לשון טאַקע,
נאָר אַ נײַעם געטע געבן זיי —
דאָס וויל איך נישט. אַ מכּה!"

3

געשען אַ גניבה בײַ מיר אויפֿן טיש:
מײַנס אַ ליד איז אַרײַן ווי אין וואַסער.
ס׳קען גרײַלעך געזיין, אַז ס׳איז עמעץ אַריין,
און — אַוועק דערמיט צון אַ פֿאַסער.

דער פֿאַסער מבֿינט אָפּ דאָס ליד:
"ס׳איז גוט, ס׳איז מלא־חנען" —
ער קויפֿט, און פֿאַרקויפֿט, און מאַכט דערבײַ
אַ ריווח, גאָרנישט קיין קליינעם.

אַזוי גייט דאָס ליד פֿון האַנט צו האַנט —
מע פֿאַרקויפֿט אַלץ ווײַטער און ווײַטער,
און איטלעכן פֿאַסער וואַקסט דערבײַ
מיט אַ ריווח, אַ שיינעם, דער בײַטל.

פֿאַרגין איך עס זיי. ס׳אַ גרינגע זאַך
צו גנבענען, אײַנשטעלן ס׳לעבן?
ווען זיי קומען און בעטן מיך: שענקט אונדז אַ ליד —
אויף מײַן וואָרט, אַז איך וואָלט זיי געגעבן.

איך האָב, אָסור, גאָרנישט צו קיינעם פון זיי,
מיטן גאַנצן האַרץ איך פֿאַרגין זיי.
אַז איך דערלייג צו די לידער דעם קאָפּ —
איז זאָל כאָטש אַ צווייטער פֿאַרדינען.

אַ דאַנק דיר פֿאַר אַזוי פֿיל פֿרײַנד

אַ דאַנק דיר, גאָט, פֿאַר אַזוי פֿיל פֿרײַנד,
מיט זייערע גוטע עצות:
אַז איינער האָט אַ קוליק גרייט —
איז היט דיר נישט די פּלייצע.

אַז איינער וואַרפֿט אויף דיר אַ שטיין,
דו זאָסט געניזוקט ווערן —
איז מאַך זיך, ווי דו זאָלסט נישט זען,
און ווי דו זאָלסט נישט הערן.

דער שטיין איז נישט קיין טרוקענער,
נאָר איז געטונקט אין בלאָטע,
און ער האָט אים געצילט אין דיר?
ס'איז גאָרנישט, מילא, האָט ער...

מיר עצהן מײַנע גוטע־פֿרײַנד:
„דו נעם עס פֿילאָסאָפֿיש:
דער וואַרפֿער האָט געצילט אין דיר —
און זיך אַליין געטראָפֿן.

רחמנות האָב אויף אים, און גאָר.
ער פֿירט זיך אויף אידיאָטיש —
אין דיר, דער איידלקייט אַליין —
ווי קען ער וואַרפֿן בלאָטע?

מסתמא האָט זיך דיר געדאַכט.
ביסט אויך אַ ביסל דאָסיק —
לאָז יענעם שפּייַען אויף דיר קלעק.
נאָר פֿרעג נישט קיין פֿאַרוואָסן.

ס'איז מיר אי ביטער און אי גוט,
אַזעלכע רייד צו הערן.
איך דאַנק דיר, גאָט, פֿאַר אַזוי פֿיל פֿריינד
מיט ווערטער — ממש פּערל.

דרייַצן טרעפּ

איך האָב אָנגעכמאַליעט דרייַצן ביכלעך לידער.
פֿרייַנד געטרייַע מיינע, כ'האָב זיך פֿאַרבאַלאַקעט.
מיך האָט נישט אַרייַנגענאַרט דער קידער־ווידער,
וואָס האָט הייס אַרום מייַן טויערטיר געפּלאַקערט.

זאָל דער אייבערשטער מיר מוחל זייַן מייַן רישעות.
אויב ס'איז צידקות — בעט איך אויך בייַ אים מחילה.
דורך די נעכט בין איך געזעסן בייַ מייַן טישל,
און געקוקט דער וועלט אין אירע אויגן שטילע.

אויגן טאַקע שטילע, אָבער פֿול מיט טרויער,
און סע וואַרגן עפּעס ביידן אונדז די טרערן.
כ'האָב איר גוטע ווערטער אייַנגערוימט אין אויער,
נאָר, מיר דאַכט זיך, זי האָט נישט געוואָלט מיך הערן.

לאָז מיך שושקען, וועלט — איך האָב נישט עפּעס אנדערש.
אויב דאָס איינציקע, וואָס כ'האָב, איז נישט געראָטן —
פֿאַל איך ווי אַ קאָרטנשטיבל זיך פֿונאַנדער.
בלײַבט נאָך מיר אַ פֿליִענדיקן פֿויגלס שאָטן.

נײַן, אַ שאָטן פֿון אַ קוימען רויך אין פֿליִען —
דאָס וועט בלײַבן פֿון די דרײַצן ביכלעך מײַנע.
כ'האָב גערעכנט: כ'וועל אויף דרײַצן טרעפּ זיך ציִען
נאָך אַ ביסל פֿינקל פֿון די שטערנשײַנען.

נאָר די שטערן זענען ווײַטער אַלץ פֿאַרפֿלויגן,
וואָס אַלץ מער איך פֿלעג צו זיי די הענט אויסשטרעקן.
נענטער פֿלעג איך זען, דורך שלאָפֿנדיקע אויגן,
ווי אַ יִינגעלע פֿאַרבלאָנדזעט אויף די ברעגן
פֿון אַ ווײַטן טײַך, וווּ שטערן קומען נאַכטצײַט
באָדן זיך אין אים, זיך אויף די כוואַליעס וויגן — — —
איצטער איז דער הימל דאָרט אַן אויסגעטראַכטער,
און איך זע דאָרט אויפֿן דנאָ אַ טויטן ליגן.

כ'האָב זיך פֿאַרבאַלאַקעט, פֿרײַנד געטרײַע מײַנע.
ס'קען געזײַן, מע זאָל מיר מוחל זײַן מײַן רישעות.
סײַ ווי האָבן מיך גענאַרט די שטערנשײַנען,
און כ'דערצייל עס דורך די נעכט מײַן פֿײַכטן קישן.

❦

ד.

אין ווײַבער

(דערציילונג)

דער שאַפּ האָט זיך געשטיקט מיט געלעכטער. וואָס איז? מ'האָט צוגענומען אַ נײַ שיקיינגל, איז נו־נו...

אין שאַפּ איז שוין געווען אַן אײַנגעשטעלטער שטייגער, ווי אַזוי צו באַנײַען אַ נײַ שיקיינגל. אַז סע פֿלעג זיך מאַכן אַזאַ געלעגנהייט, פֿלעג שוין דער שאַפּ זיך קוים קענען דערוואַרטן אויף דער "פּאַרע־צערעמאָניע".

מ'האָט דעם יינגל אַ נאָמען געגעבן "טאָני", ווײַל ס'איז אים געווען אָנגעשריבן אויפֿן שטערן, אַז ער איז אַן איטאַליענער. מ'האָט אים דווקא יאָ געפֿרעגט, ווי אַזוי ער הייסט, און ער האָט געענטפערט: טאַנקרעדי, נאָר ווער וועט עס גיין געדענקען אַזאַ מאָדנעם נאָמען? איז געבליבן: טאָני, ווער שמועסט, אַז דערצו איז נאָך דאָס יינגל געווען געשלאָגן מיט אַ מום — ער האָט מוראדיק געהיקעט. האָט ער אָנגענומען אַלץ פֿאַר ליב, אַבי זיך אײַנצוקויפֿן אין אַ ביסל חן בײַ די אַרומיקע, כּדי זיי זאָלן אים נישט טשעפּען, און דער עיקר: כּדי זיי זאָלן

זיך אים נישט נאָכקרימען ווי ער רעדט. גיכער זאָל מען אים טון ווייס איך וואָס, אַבי זיך אים נישט נאָכקרימען — אַזוי האָבן זיך געבעטן די אויגן זײַנע, וואָס זענען שטענדיק געווען פֿאַרצויגן מיט אַ שלייערל פֿאַרשעמטן טרויער.

איז ווי נאָר מ׳האָט אים אַוועקגעשטעלט, ווי דער שטייגער איז געווען, לעבן דער פּרעסמאַשין, ער זאָל זיך צוגעווינען צו דער נאַסער, שטיקנדיקער היץ און זאָל זען מיט וואָס שאַפֿאַרבעט שמעקט — אין דרויסן איז ווי אויף צו להכעיס געשטאַנען אַ צעבליאַסקעטער יוני־נאָכמיטאָג — האָט אים יאָסל, דער פּרעסער, אַראָפּגעשיקט אין קעלער אַרײַן, אין סעלצערקרעמל, נאָך אַן עמער פּאַרע...

וואָס זאָל ער וויסן, טאָני? האָט ער גענומען דעם עמער און געגאַנגען. געפֿאָלגט. ווײַל ווי נאָר ער האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פֿונעם שאַפּ, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז דאָ מוז ער אַלעמען פֿאָלגן. ס׳הייסט, אַנישט האָט מען עס אים געדאַרפֿט ערשט אָנזאָגן? אַליין וואָלט ער דען נישט געווען געפֿאָלגט? ער פֿאָלגט תּמיד און אַלעמען, און נישט נאָר אין שאַפּ. ער געדענקט גאַרנישט, אַז ער זאָל אַ מאָל האָבן עמעצן נישט געפֿאָלגט. אַוודאי, ווען ער זאָל קענען רעדן ווי אַלע, וואָלט ער... וואָלט ער כאָטש געפּרוּווט זאָגן, אַז ער גייט אָט־אָט, באַלד. אָבער אַז בײַ איטלעכן דריטן וואָרט פֿאַרהאַקט ער זיך און ער פֿאַרשעמט זיך, און מוז אַראָפּלאָזן די אויגן, דעם קאָפּ, זיך אין גאַנצן עפּעס ווי אַראָפּלאָזן — איז פֿאָלגט ער שוין בעסער תּיכף.

אויף די טרעפּ אַראָפּ אין קעלער אַרײַן האָט ער זיך אויסגעלייגט אין קאָפּ די עטלעכע ווערטער, וואָס ער דאַרף זאָגן, און אַזוי ווי ער האָט עס געגעבן אַ טראַכט אָפּ גלאַטיק, האָט עפּעס אין אים געגעבן אַ טענצל אונטער — פֿאַר באַהאַלטענער פֿרייד, פֿאַר אַ שאָטן פֿון פֿרייד. נאָר ער האָט זיך תּיכף געגעבן אַ כאַפּ צוריק. פֿון זיך אַליין האָט די האַנט אַ טאַפּ

געטון דאָס בלײַענע יויזעלע, אַ פּאַסאָליע די גרייס, וואָס די מאַמע האָט אים אָנגעטון אויפֿן האַלדז, אויף אַ שטריקל, ווען ער איז נאָך געווען אַ ברעקל.

אַז דאָס קרעמערל האָט געזען אַרײַנקומען אַ נײַ שיקײַנגל מיט אַ ליידיקן עמער, האָט ער תּיכּף פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז. ס'איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז מע שיקט צו אים נאָך אַן עמער פֿאַרע. האָט ער געגעבן אַ הוסטל, צו וויסן געגעבן, הייסט עס די עטלעכע ליידיק־גייערס, וואָס זענען געזעסן אַרום אים — ווי איינער רעדט: "באַיעס, קוקט זיך צו", אויסגעהערט דעם ייִנגלס שליחות, אים איבערגעפֿרעגט, אים געלאָזט זיך פֿאַרהיקען איבעריקע עטלעכע מאָל, און צו אים אַ מאַך געטון ערנצטערהייט:

"אַ צודעק האָסטו? גיי, ברענג אַ צודעק".

איז טאָני צוריק אַרויף אין שאַפּ אַרײַן, און אַז ער איז צוריק אַראָפּגעקומען, האָט בײַ אים דאָס קרעמערל גענומען דעם עמער מיטן צודעק, אים געהייסן צווואַרטן אַ רגע, און אין אַ הינטערשטיבל אַרײַנגעלייגט אין עמער אַ שטיין, אַ קאָפּ די גרייס, צוגעדעקט, זיך געמאַכט ווי ער טראָגט שווער, און עס דערלאַנגט דעם ייִנגל:

"נאַ... און היט זיך ווי דו גייסט... און גיי טאַקע פּאַמעלעך... און דעק נישט אָפּ אַפֿילו קיין שפּעלטעלע — די פֿאַרע וועט נאָך אַרויס".

און אַז טאָני האָט בשלום דורכגעשפּאַנט דעם שאַפּ טריטעלע בײַ טריטעלע — סע זאָל חלילה מיט דער פֿאַרע גאָרנישט געשען, און אַז ער האָט דערלאַנגט יאָסלען דעם צוגעדעקטן עמער, און אַז יאָסל האָט דעם עמער אָפּגעדעקט און אויסגעגאָסן די "פֿאַרע" פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, און די "פֿאַרע" האָט געגעבן אַ פֿאַל צו דער ערד, מיט אַ טראַך. און זיך עטלעכע מאָל איבערגעקוליעט, האָבן אַלע אויסגעשאָסן אַזאַ געהירזשע, אַז עטלעכע האָבן זיך אַזש פֿאַרכליסנעט און זיך

געוואָרגן, און מ׳האָט שוין אַ גאַנצן נאָכמיטאָג נישט געקענט איינשטילן דאָס געלעכטער, דאָס פֿאַרשטיקטע, און דאָס כיכיקען.

* * *

צוויי האָבן נישט געלאַכט — אַ חוץ טאָנין, וואָס דער שמייכל זײַנער איז אַזוי צעקרימט געוואָרן פֿון פֿאַרשעמטקייט, אַז ער האָט דעם פּנים שיִר נישט געגעבן דעם אויסדרוק פֿון אַ געוויין־מאַסקע:

איינער, מאָריס, אַ בחור אין די צוואָנציקער, וואָס אַזוינע שאַפּ־צערעמאָניעס פֿלעגן אים שטענדיק אויפֿקאָכן, נאָר די אויפֿגעקאָכטקייט פֿלעג ער קיין מאָל נישט אַרויסווײַזן. אַז סע פֿלעג אים אַ מאָל גאָר שטאַרק צוטרעטן, פֿלעג בײַ אים מער ווי אויף אַ קללה נישט קלעקן: גייט אײַך צון אַל די וויסטע, פֿינצטערע רוחות מיט אײַערע צערעמאָניעס — אַזאַ יאָר אויף אײַך און אַזאַ געזונט און אַזאַ לײַב־און־לעבן — יאָ״ — דאָס, אַן ערך, פֿלעג ער געבן אַ בורטשע אָפּ צון אַלעמען און צו קיינעם נישט, ווײַל מיט די שאַפּמענטשן עפּעס אײַנטענהן, האָט ער געוווּסט, איז אַן אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבעט. און אײַנרײַסן זיך מיט זיי — האָט ער אויך נישט געוואָלט. ער האָט בפֿירוש געוואָלט זײַן איינער פֿון זיי און אַנדערש ווי זיי. דער שאַפּ האָט אים דערפֿאַר אי ליב געהאַט און אי אים געהאַלטן פֿאַר עפּעס אַ מאָדנעם יונג. מ׳האָט מיט אים נישט געקענט רעדן קיין דרײַ ווערטער, אַז ער זאָל נישט אַרײַנפֿאָרן מיט זײַנע מאַנקאָליעס און סע זאָל זיך נישט אָנהייבן קיין היצעניש מיט קיין גערודער. צו קיין קולות מיט קיין קריגערײַען האָט עס נישט געקענט קומען, ווײַל מאָריס האָט דעם צווייטן צד אַנטוואָפֿנט שטיל און מיט אַ גוט־ברודערישן חוזק.

דאַכט זיך, וואָס קען שוין אָפּלויפֿן גלאַטיקער און שטילער ווי אַן ערב־יום־כּיפּורדיק צווינטשעניש?

ערב־יום־כּיפּור, געווייִנטלעך, שטעלט דער באַלעבאָס

בראָנפֿן מיט פֿאַרבײַסן, כּדי מע זאָל אים צוווינטשן אַ גוט יאָר, און אַז די "ביזנעס" זאָלן אַוועקגיין גוט און נאָך בעסער. אַליין איז ער דערבײַ נישטאָ, דער באַלעבאָס — ער איז פּונקט דעמאָלט ערגעץ פֿאַרנומען. שטייט מען אַזוי און מע נעמט צו ביסלעך משקה.

"לחיים, קלמן, דער אייבערשטער זאָל העלפֿן, אַז דײַנע קינדער זאָלן שוין נישט דאַרפֿן אַרבעטן אין קיין שאַפּ —"

און אַ צווייטער דערלאַנגט מאָריסן די האַנט:

"לחיים, מאָריס — ווינטש מיר, אַז איך זאָל איבערקומען אויף עפּעס אַ גרינגערער פּרנסה —"

"וואָס הייסט: עפּעס אַ גרינגערע פּרנסה?"

"איך מיין, איך זאָל שוין נישט דאַרפֿן אַרבעטן דאָ אין דעם פֿינצטערן שאַפּ —"

"נו — מאַכט מאָריס, ווי באין־ברירה, און מיט אַ פֿרום־פֿאַרגלאָצט פּנים — אויב אַזוי, ווינטש איך אײַך, אַז איבער אַ יאָר אין דער צײַט זאָלט איר זײַן אַזאַן עושר, אַז איר זאָלט אַפֿילו אַליין נישט וויסן וויפֿל איר פֿאַרמאָגט. געננג?..."

"אײַ, לאָ'מיך צו רו, נאַרעלע — שטעלט זיך פּיניע אַקעגן, אַקוראַט ווי אָט ליגט עס שוין פֿאַר אים, אָט דאָס עשירות — מע שמועסט פֿון נאָך אַ פּאָר טאָלער אַ וואָך, שמועסט מען" — נאָר מאָריס שלאָגט אים איבער די רייד, און רעדט אים אַרײַן אין אויער אַרײַן, אָבער אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן:

"ס'איז איינס פֿון די בײדע: אָדער מאָנט וואָס סע קומט אײַך, אָדער הערט אויף צו דרייען אַ ספּאָדיק... איר וואַרט, מע זאָל אײַך אַקעגנטראָגן נאָך אַ פּאָר טאָלער אַ וואָך?" — און פּיניע ווערט שוין און כּעס, עפּעס ווי מאָריסעס חוזק זאָל אים, פּיניען, דאָ האָבן אָן אַ שיעור קאַליע געמאַכט. ער ציט אויס די הענט און ווײַזט אַלעמען אויף מאָריסן:

"שפּיל דעם חתן ווײַנענדיקס, ער האָט זײַנס אין זין..."

"ער האָט אירס אין זין" — פֿאַרריכט אים עמעצער, מיט אַ גניבהשן ווונק מיטן אויג. און עטלעכע האָבן אַ לאַך געטון, אי פֿונעם ווונק און אי צוליבן באַטעמטן צווייטן ביסל משקה.

ס'האָט אָבער סײַ ווי געהאַלטן נישט ווײַט דערפֿון, אַז מע זאָל זיך נעמען קריגן פּונקט ערב־יום־כּיפּור, ווען ס'איז אַ מינהג זיך איבערצובעטן.

* * *

דער צווייטער, וואָס האָט נישט געלאַכט פֿון דער "פּאַרע־צערעמאָניע" איז געווען אַ פּנים־חדשות אין שאַפּ.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג איז אויסגעוואַקסן אין אַ ווינקל שאַפּ אַ בחור פֿון אַ יאָר צוואָנציק, אַ בלאָנדין, מיט אַ סך סימנים פֿון אַ דײַטש, אַן אַריער. געווען איז עס אַ שטיקל צײַט נאָך תּחילת צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז זיך געשטאַנען און געלערנט די מלאכה פֿון צושנײַדערײַ. געשטאַנען פֿאַרזונקען אין זיך, אָנגעצויגן, און קיינעם נישט באַוויליקט מיט קיין בליק אַפֿילו. פֿון אַ שמייכל איז שוין אָפּגערעדט. איז געבליבן, אַז מ'האָט אים אין דער אַדמה:

"אַ דײַטש — און דאָס בלאָזט זיך נאָך".

"נישקשה, מ'עט פֿון זיי נאָך שנײַדן שטיקער פֿלייש..."

"אַ באַלעבאָס, אַ חזיר... נישט געקענט אַרויפֿנעמען אַ ייִדישן באָיטשיק אויף זײַן אָרט?"

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע וואָכן, און "דער דײַטש" האָט מיט קיינעם קיין מגע־ומשׂא נישט געהאַט. אַ מאָל פֿלעג ער זיך פֿאַרחושן, און אַ מאָל פֿלעג ער זײַן זייער פֿאַראומערט — עפּעס גאָרנישט ווי קיין דײַטש. ביז איין מאָל, האָט מאָריס געדאַרפֿט צון אים אָנקומען, ער זאָל אים העלפֿן אַרויסשלעפּן אַ שטיק באַרכעט פֿון אונטער אַ פּאָליצע מיט סחורה. איז ער צון אים צוגעגאַנגען:

„ווילסט מיר אַרויסהעלפֿן אַ רגע?“

האָט יענער קיין וואָרט נישט געענטפֿערט, און איז געגאַנגען וווּהין מ'האָט אים גערופֿן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מע דאַרף די פֿאָליצע אָפּליידיקן, אַנדערש וועט מען דאָס שטיק באַרכעט נישט אַרויסבאַקומען.

איז בשעת זיי זענען אַזוי ביידע געשטאַנען און געאַרבעט, האָט מאָריסן פּלוצעם אַ ברי געטון טיף אינעווייניק. ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין, וואָס ער שטייט און אַרבעט לעבן זײַנס אַ גלײַכן און איז אויף אים גאָר אָנגעברוגזט. דעם בחורס פֿאַראומערטקייט האָט אים אָנגעשטעקט. ער האָט מיט אַ מאָל דערפֿילט, אַז ער מוז צון אים אָנהייבן רעדן, ער מוז אים אַפֿילו אָנרירן. אַזאַ טבֿע האָט ער געהאַט, מאָריס: אָנרירן יענעם בשעתן רעדן, בשעת וואַרעמע צוויי ווערטער. נאָך איידער ער האָט אַליין געוווּסט, פֿלעג ער געבן אַ ריר אָן דעם צווייטנס אָרעם, אָדער דעם אַקסל. ער האָט אין דער אמתן אַליין נישט געוווּסט, אַז ער טוט עס.

„ווי אַזוי הייסטו?“ — האָט ער ווייך אַ פֿרעג געטון, אויף ענגליש.

„אַמנון.“

„אַמנון?“

„נו, יאָ — אַמנון.“

„ס'איז אַ ביבלישער נאָמען.“

און אַ רגע שפּעטער:

„ווייסט כאָטש, ווער אַמנון איז געווען?“

„אַוודאי... דודס אַ זון... תּמר איז געווען זײַן שטיף־שוועסטער... און ער האָט זי איין מאָל מיאוס באַהאַנדלט — האָט אים דערפֿאַר דער ברודער אירער דערהרגעט.“

„אמת.“

און אַ רגע שפּעטער:

"האָסט עס מסתּמא געלייענט און דער ביבל".

"יאָ."

"אויף דײַטש מסתּמא."

"ניין, אויף העברעיִש"

"אויף העברעיִש?..."

מאָריס איז שטיין געבליבן, מיט בײדע הענט אויף אַ שטיק סחורה, און די אויגן — אָנגעצילט אויף אַמנונען. און נאָך איידער ער האָט אַליין געוווּסט, האָט ער שוין געהאַלטן די רעכטע האַנט אויף אַמנונס אַקסל:

"ווי קומט צו דיר העבעיִש, זאָג מיר".

"וואָס הייסט? אַז מע לערנט — קומט".

"ביסט דאָך אָבער נישט קיין ייִד..."

דאָ האָט אַמנון אַ שמייכל געטון:

"וואָס דען בין איך — אַ טערק?"

"כ'האָב דאָך געמיינט, אַז דו ביסט אַ דײַטש, אַ פֿאַשיסט — אין דר'ערד אַרײַן" — איז מאָריס אַרײַן אין התפּעלות, שוין אויף ייִדיש, אָנגעכאַפּט אַמנונען בײַ בײדע אַקסלען, און אים אַ האַרציקן טרייסל געטון.

ער איז צון אים צוגעבאַקן געוואָרן פֿון דער ערשטער מינוט אָן.

וואָכן זענען אַוועק. אין שאַפּ האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן: דאָס פּאָרפֿאָלק.

"דאָס פּאָרפֿאָלק גייט."

און נאָר מ'האָט זיך איינער דעם אַנדערן געקוקט אין מויל אַרײַן. און מ'האָט נישט געזען, אַז זיי זאָלן זיך אַ מאָל אַמפּערן. דער שאַפּ האָט אַ מאָל עמעצן אונטערגעשיקט, ער זאָל זיך

אונטערהערן, וועגן וואָס מע האַלט דאָס אַזוי אין איין רעדן און מע ווערט עס נישט מיד. איז יענער צוריק געקומען און זיך געשווירן:

"זאָל איך קרענקען, צי כ'האָב פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט... עפּעס תּרגום־לשון..."

טאָני פלעג ליב האָבן צו שטיין לעבן זיי און פֿון זיי קיין אויג נישט אַראָפּנעמען. דאָ האָט ער זיך געפּילט זיכער. דאָ וועט זיך אים קיינער נישט נאָכקרימען. דאָ, לעבן זיי, אויף זיי קוקנדיק, האָט ער געגומען טרינקען פֿלעשלעך מילך, איידער די כּלערליי מעליאַווע זיסע פֿלעשלעך גאַזוואַסער. דאָ, לעבן זיי, האָט ער אויפֿגעהערט רייכערן. "דאָס פֿאַרפֿאַלק", ווידער, האָט איַינגעלייגט וועלטן, הינטער טאָניס אויגן, פֿאַרשטייט זיך, אַז מע זאָל אויפֿהערן זיך אים נאָכקרימען. און ביסלעכווײַז האָבן זיי באַוויזן די אָ מיאוס'סע מאָדע אין גאַנצן אונטערצוברענגען.

"אָט דאָס הייסט אומשולדיקע לייד, נעבעך" — האָבן זיי איינער מיטן אַנדערן מסכּים געווען, רעדנדיק וועגן טאָנין.

"ווייסט, וואָס כ'על דיר זאָגן? מיר דאַכט זיך, אַז אַלע היקען מיר... כ'מיין: אין אונדזערע טועכצער... אָט שטייען מיר דאָ און סע ציט אונדז ווי אַ מכּה, נאָר ס'איז נישטאָ קיין כּוח עפּעס אָפּצוטון מיט זיך... אָט די געפּענטעטקייט איז אויכעט אַ מין שטאַמלעניש..."

נישט קוקנדיק אויף אַלע שמועסן, האָט מאָריס נישט געקענט טרעפֿן, פֿון וואַנען אַמנון נעמט זיך. ער האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף וואַרטן, ביז אַמנון וועט עס אים אַליין דערציילן. האָט ער געוואַרט, ביז...

איין מאָל איז אַמנון נישט אַרײַנגעקומען צו דער אַרבעט. אַ טאָג. צוויי, דרײַ איז מאָריס געפֿאָרן געוווּיר ווערן, וואָס ס'איז דער מער. געווּוינט האָט ער ערגעץ עק שטאָט. פֿאַר וואָס עק שטאָט — איז מאָריסן שפּעטער פֿאַרענטפֿערט געוואָרן: ער זאָל זיך נישט דאַרפֿן דרייען צו פֿיל צווישן מענטשן. דער

טראַמוויי פֿלעג אים צוברענגען כּמעט ביז צו דער טיר פֿון זײַן קוואַרטיר.

געעפֿנט די טיר האָט מאָריסן אַ קליינע, אָרעם געקליידטע ייִדענע, מיט געשוואָלענע אויגן, פֿון וויינען.

"דאָ וווינט אַ בחור, אַמנון?"

אָבער ווי נאָר די ייִדענע האָט דאָס דערהערט, האָט זי פֿאַרקרימט די ליפּן און זיך צעכליפּעט:

"מײַנע אָרעמע צוויי עופֿעלעך... קומט אַרײַן, קומט אַרײַן... ער האָט דאָ געוווינט ביז איינעכטן... איינעכטן האָט מען אים אויך צוגענומען... ער האָט אײַך געשיקט נאָך די זאַכן? כ׳על זיי אײַך געבן... נאָר ווער וועט מיר אָפּגעבן מײַנע אָרעמע צוויי עופֿעלעך... אַז איך ווייס גאָרנישט, ווו איך בין אויף דער וועלט..."

די ייִדענע האָט נישט אויפֿגעהערט צו קלאָגן אויף אירע "אָרעמע צוויי עופֿעלעך", אָבער וואָס דאָ איז אין דער אמתן געשען, האָט מאָריס בשום־אופֿן נישט געקנעט דערגיין. די ייִדענע האָט אַזוי געכליפּעט, אַז זי האָט טאַקע נישט געקענט קומען צו קיין טאַלק:

"מײַנע אָרעמע צוויי עופֿעלעך... מײַנע אָרעמע צוויי עופֿעלעך..."

אַ מערכה, אַ שכנטע איז אַרײַנגעקומען, און אַלץ איז קלאָר געוואָרן: די צוויי "עופֿעלעך", די צוויי ייִנגעלעך דער ייִדענעס, זענען דאָ אַנומלט אַרײַנגעפֿאַלן און באַקומען היץ, גרויס היץ. מיט דער היץ זענען געקומען כּלערליי ווייטיקן. אַז דער דאָקטער איז געקומען און געשטעלט דעם דיאַגנאָז. האָט ער גענומען פֿרעגן פֿראַגעס, און לרוב עפּעס אַזוינע פֿראַגעס, וואָס האָבן מיט דער שלאַפֿקייט קיין שום שייכות נישט געהאַט: בײַ ווען מע קויפֿט דאָס עסנוואַרג, און צי איז דאָרט, ווו מע קויפֿט דאָס עסנוואַרג, נישטאָ קיין גאַסט פֿון דער פֿרעמד, און

צי זענען די קינדער נישט געווען ערגעץ זיך באָדן, און ווער נאָך סע ווינט דאָ אין הויז אַחוץ דער משפּחה.

ווער נאָך סע ווינט? אַ בחור. שוין לאַנג? שוין דרײַ וואָכן. פֿון וואַנען ער קומט? מ'האָט אים נישט געפֿרעגט.

אַז דער דאָקטער האָט קאָנסטאַטירט אַ ספּונאַלן מענינגיט, האָט ער געמאָלדן דער געזונט־אינסטאַנץ, אַז מע דאַרף אַמנונען תּיכּף אַרײַנזעצן אין קאַראַנטין, ווײַל אין איינער אַ פּאָרטשטאָט, וואָס ער, אַמנון, קומט, קען זײַן, פֿון דאָרט, איז דעמאָלט געווען אַ שטיקל אונטערגאַנג אויף מענינגיט. נאָר אַז פּאָליציי איז געקומען, האָט זי אַמנונען נישט סתּם פֿאַרנומען, נאָר אים אַרעסטירט און אים אַוועקגעפֿירט אין תּפֿיסה.

"ס'איז פֿון אים דאָ אַ קאַרטל — בעט ער, מע זאָל אים קומען זען..."

בעת די שכנטע האָט דאָס אַלץ דערציילט, און פֿון פֿאַרשמײַעטקייט אַזש נישט געקענט דעם אָטעם כאַפּן, האָט זיך די מאַמע געהאַלטן אין איין וויגן:

"מײַנע אָרעמע צוויי עופֿעלעך... אַז איך ווייס גאָרנישט, אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט איך בין..."

נאָכן גאַנצן סיפּור־המעשׂה האָט מאָריס אײַנגעשטילט די ייִדענעס און איז אַוועק. דער קאָפּ איז אים פֿול געווען מיט "אָרעמע עופֿעלעך".

אויף צו מאָרגנס האָט ער זיך געזען מיט אַמנונען אין תּפֿיסה, אָפּגעטיילט פֿון אים דורך צוויי ווענטלעך קראַטעס, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז העט אַרויף צו דער הויכער סטעליע. צווישן די קראַטעס איז זיך אַרומגעגאַנגען אַ פּאָליציסט, אַ גלית, אַרויף און אַראָפּ, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען, און ער האָט נאָר אַלע מאָל געוואָרפֿן אַ זײַטיקן בליק. צי מע פּרוווט זיך נישט עפּעס אַריבערדערלאַנגען אָדער עפּעס אַריבערוואַרפֿן. פֿון קיין אַנטלויפֿן האָט דאָ נישט געקענט זײַן קיין רייד.

קראַטעס, טויערן, שלעסער — ווו נאָר דאָס אויג האָט געוואָרפֿן אַ בליק. אַמנון האָט זיך גאָרנישט פֿאַרחידושט, אַז ער האָט פֿאַר זיך פּלוצעם דערזען מאָריסן, אָבער מאָריס האָט זײַן אייגענע צערודערטקייט אײַנגעהאַלטן אין זיך ווי מיט צוואַנגען — אַז זי זאָל זיך נישט אַרויסגעבן אין די אויגן, אין קול, אין די פֿינגער. די ייִדענע מיט די "אָרעמע עופּעלעך", וואָס זי איז אים פֿונעם קאָפּ נישט אַרויס פֿון נעכט אָן, איז אויף אַ מאָל שטיל געוואָרן דאָ אין דער מלוכה פֿון אײַזערנער שטילקייט. ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרקלעמטער און געקוקט אויף אַמנונען. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז מ׳עט זיי באַלד צעשיידן, און ווער ווייסט, צי ער וועט זיך נאָך אַ מאָל מיט אים זען, צי פֿון אים הערן.

"דאַרפֿסט דיך נישט שרעקן" — האָט ער פּלוצעם אַ זאָג געטון, כאָטש ער האָט נישט געוואָלט זאָגן גאָרנישט.

"איך שרעק מיך נישט" — האָט אַמנון געענטפֿערט.

"זע נאָר, אַמנון" — האָט מאָריס אונטערגעכאַפּט כמעט מיט בקשה — "מ׳עט אונדז באַלד צעשיידן, און אפֿשר וועלן מיר זיך מער קיין מאָל נישט זען, אָדער הערן איינס פֿון ס׳אַנדערע — און איך הייב אַפֿילו נישט אָן צו וויסן ווער דו ביסט און ווי דו קומסט אַהער... כ׳לעבן, ס׳איז נישט גלײַך..."

"ביסט גערעכט..."

ער האָט זיך נישט געלאָזט קיין סך בעטן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז סע האַלט טאַקע שוין שמאָל מיט זייער נאָענטשאַפֿט:

"איך בין פֿון בראַטיסלאַוואַ. פֿון פּרעשבורג. כ׳האָב געמיינט, אַז דו ווייסט —" האָט ער זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט.

מאָריס האָט זיך דערפֿרייט:

"אָ! ווו דער חתם סופֿר האָט געוווינט..." אַמנון האָט זיך פֿאַרטראַכט, ווי ער זאָל נאָך אַ מאָל נעמען איבערלעבן דאָס,

וואָס ער איז איצט גרייט צו דערציילן. ער האָט מאָריסן געקוקט אין פּנים אַרײַן, אָבער מאָריס האָט געזען, אַז ער זעט אים נישט.

"דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אויף מיר גוזר געווען, אַז איך זאָל אַנטלויפֿן... ס'איז געווען באַלד, ווי נאָר מ'האָט פֿאַרחתמעט דעם גורל אונדזערן און מ'האָט אונדז אַוועקגעגעבן היטלערן אין די הענט אַרײַן... אין שטוב איז געבליבן, אַז איך זאָל אַנטלויפֿן... זיך ראַטעווען... אין דער ערטשער נאַכט נאָך דער פֿינצטערער בשׂורה האָט מיר די מאַמע אויסגעקושט דאָס פּנים און האָט עס באַוואַשן מיט טרערן... און דער טאַטע האָט מיך אַרומגענומען און האָט דאָס תּהילימל פֿון דער האַנט נישט אַרויסגעלאָזט: די מאַמע קען נישט לויפֿן... זעסט דאָך... און אין אַזאַ מצב קען איך זי דאָך נישט לאָזן אַליין... און חנהלע טאָר מיט דיר נישט מיטגיין — ווער ווייסט וואָסערע סכּנות דו וועסט, חלילה, האָבן אויסצושטיין... נו, און יוכבדל — אַוודאי נישט... איז לויף כאָטש דו, זון מײַנער, קדיש מײַנער... האָסט מער כּוחות פֿון אונדז... און זאָל דיר בײַשטיין דער זכות פֿון ר' אַמנונען, דעם בעל־ונתנה־תּוקף, און פֿונעם זיידן מײַנעם, וואָס דו הייסט נאָך אים..."

אַמנון האָט אַ טיפֿן אָטעם געטון און גענומען ווײַטער דערציילן:

"דאָס שוועסטערל האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ איז אַזוינס, נאָר קוקנדיק אויף דער מאַמען און אויף חנהן, האָט זי אויך גענומען כליפּען... און אַז איך בין צוגעגאַנגען איר אַ קוש טון, האָט זי זיך אַזוי צעווײנט, אַז די גאַנצע שטוב איז באַלד פֿול געוואָרן מיט געוויין... כ'האָב אַ כאַפּ געטון דעם רוקזאַק, אַ קוש געטון די מזוזה, און בין אַרויס... אין דרויסן האָט מיך אויפֿגענומען אַ פּליוך רעגן און אַ שטאָק־פֿינצטערניש... די גאַסנלאָמפּן האָט מען נישט געצונדן, און די שטיקלעך שײַן פֿון די שטיבער אַרויס האָט מען פֿאַרשטעלט מיט לאָדנס... די שטאָט האָט געוואָלט, אַז אַפֿילו דער טאָג זאָל זי אויסמײַדן

אַבי נישט צו זען די טויט־חיילות אַרײַנמאַרשירן... כ׳בין געלאָפֿן מיט נאָך עטלעכע... אין די נעכט זענען מיר געלאָפֿן, און אין די טעג — זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, אָדער בײַ פּויערים... וואָכן אַזוי... ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין פֿראַנקרײַך... בשעת־מעשׂה האָט זיך דער גיהנום אַלץ מער און מער צעזאָטן, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו שפּריצן מיט שטיקער פֿײַער... כ׳האָב געדעכנט צו בלײַבן אין פֿראַנקרײַך... כ׳האָב שוין מער נישט געהאַט קיין כּוח צו לויפֿן... נאָר באַלד איז פֿראַנקרײַך אויך אײַנגעפֿאַלן... די פֿאַרפֿלייצעניש האָט זיך געיאָגט נאָך מיר... אַ פֿאַרפֿלייצעניש פֿון פֿײַער... בײַ נאַכט אויפֿן געלעגער, פֿלעג איך הערן איר גערעווע, ווי זי קומט אַלץ נענטער און נענטער... האָב איך מיך דערמאָנט דעם טאַטנס ווערטער, אַז איך זאָל אַנטלויפֿן וואָס ווײַטער... אַז מ׳עט דאַרפֿן אַנטלויפֿן מעבר־לים, זאָלסטו אַנטלויפֿן... נו, אין מאַרסיי איז געשטאַנען אַן ענגלישע שיף, אַ מיליטערישע... נאָר מ׳האָט מיך נישט געוואָלט אַרויפֿלאָזן, סײַדנס איך זאָל דאָרט אַרבעטן... נו, געזונט בין איך געווען, נאָר אויסגעמאַטערט אויף טויט... בין איך באַלד אַרויף... מ׳האָט מיר אָנגעטון אַ מונדיר... כ׳בין אויסגעריסן געוואָרן צווישן די פֿאָלנע מאַטראָסן... נאָר דעם טאַטנס רייד זענען מיר נאָכגעגאַנגען: וואָס מיט אונדז זאָל, חלילה, נישט געשען — דו, מײַן זון, ראַטעווע דיך... זאָל כאָטש זײַן ווער סע זאָל נאָך אונדז אויפֿשטעלן אַ נאָמען... אַזוי האָט ער מיר אָנגעזאָגט... מיר זענען אַוועק מיט אַ שליחות קיין קאַנאַדע... ס׳האָט אונדז אָפּגעגליקט... בײַ נאַכט זענען מיר געפֿאָרן בלינדערהייט... דער טאַטע איז מיר איין מאָל געקומען צו חלום און מיר מבטיח געווען, אַז כ׳על אָנקומען בשלום צום ברעג... נאָר אַ טאָג איידער מיר האָבן געדאַרפֿט דערגרייכן דעם ברעג, אַז מיר האָבן זיך שוין מער אויף גאָרנישט געריכט, האָט עס אונדז פֿאַרכאַפּט... אַ בליץ מיט אַ דונער אין איינעם האָבן דערלאַנגט אַ זעץ... די שיף האָט זיך געגעבן אַ טרייסל... און אַז דער געקראַך מיטן געטרייסל זענען שטילער געוואָרן, האָט מען

געזען, אַז די שיף הינקט אויף אַ זײַט... אַ מינוט שפּעטער איז געקומען אַן אויפֿרײַס... געזען האָט מען גאָרנישט — ס׳איז געוועזן אַן אָנהייב נאַכט, אַן אָנהייב שטאָק־פֿינצטערניש אויפֿן ים... כ׳האָב מיך נישט געיאָגט נאָך קיין לאַטקע, ווײַל מ׳האָט נישט געזען וואָהין זיך צו יאָגן... דער גערודער מיטן געלאַף מיט די קולות האָבן מיך געטראָגן, מיך געוואָרפֿן, אַזוי ווי שטראָמען... כ׳בין שיר נישט אומגעקומען אינעם געשטופּ... מ׳האָט שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט אַלע לאָטקעס, נאָר אויף דער שיף האָט נאָך געשוויבלט מיט מאַטראָסן... מ׳האָט געוואַרט אויף באַפֿעלן... דערנאָך האָט מען גענומען שפּרינגען אין די לאָטקעס... אַ סך זענען אַרײַן, אין שווימגאַרטלען, אין ים אַרײַן... כ׳בין אויך געשפּרונגען... כ׳בין געווען אַזוי פֿריטשמעליעט, אַז כ׳האָב עפּעס גאָר קיין מורא נישט געהאַט... כ׳בין געפֿאַלן אויף אַ פֿולער לאָטקע... אויף קעפּ... אויף פּלייצעס... די לאָטקע האָט זיך שיר נישט איבערגעקערט... די צעיושעטע מאַטראָסן האָבן מיך געוואָלט צערײַסן... מיר האָבן אָוועקגערודערט פֿון דער שיף... מורא געהאַט פֿאַר נאָך אַן אויפֿרײַס... פֿון דער ווײַטנס האָבן מיר דורך דער פֿינצטערניש געזען דעם שיפֿקאָלאָס, ווי ער גייט אונטער... אַ פֿאַרוואָלקנטער... מיר האָבן זיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט... פֿאַר טאָג האָט אונדז אַ קריגשיף געפֿונען און אונדז אויפֿגעקליבן... צוגעקומען צום ברעג, האָט מען אונדז אַוועקגעפֿירט אין אַ שפּיטאָל אַרײַן... נו, אין שפּיטאָל איז אין מיר אַרײַן אַ געדאַנק, אַ רוח־שטות, און איך בין אַנטלאָפֿן...״

דאָ האָט זיך אַמנון אָפּגעשטעלט און גענומען רעדן גלײַך צו מאָריסן:

״נו, איצטער ווייסטו שוין ווער איך בין...

מאָריס האָט אָפּגעזיפצט.

״און איצט האָט מען מיך געכאַפּט — כ׳בין דאָך אַ דעזערטיר״.

מ׳עט דיר גאָרנישט טון דערפֿאַר?״

״ווער ווייסט... מ׳עט מיך אַוודאי באַשטראָפֿן... און דער סוף וועט זײַן, אַז כ׳על דאַרפֿן צוריקגיין אַרבעטן אויף אַ שיף... פֿירן סחורה, אַמוניציע — ווער ווייסט... עט״ — האָט ער אַ נערוועזן מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ״נישט געווען באַדאַרפֿט אַנטלויפֿן... איך זע דעם טאַטן אין חלום, ווי ער רײַסט זיך בײַם קאָפּ און שרײַט: געוואַלד!... מיט אויפֿגעריסענע מויל און אויגן, נאָר אָן אַ קול: געוואַלד!... איצטער איז מיר שוין גרינגער — איך גיי צוריק אַרײַן אין וויכער... און אויב שוין יאָ אין וויכער, איז מיט פֿאַרביסענע ליפּן, און מיט גאָט אין האַרץ, מיט בטחון...״

אַ וועכטער איז צוגעקומען, געגעבן מאָריסן אַ צי בײַם אַרבל:

״גענוג, סער... כ׳האָב געזאָגט: גענוג״.

מאָריס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פֿאַרכאַפּטער. די צוויי ווענטלעך קראַטעס, וואָס האָבן אים אָפּגעטיילט פֿון אַמנונען, האָט ער נישט געזען, נישט געפֿילט — כאָטש ער האָט זיך אין זיי אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט, און געהאַלטן דאָס פּנים אַרײַנגעקלעמט צווישן צוויי שטאַבעס. דעם וועכטערס לאַפּע האָט אים אַ טאָרקע געטון און אַ שלעפּ אַוועק. מאָריס האָט געמאַכט עטלעכע טריט הינטערווײַלעכץ, און זיך געזעגנט מיט אַמנונען מיט די אויגן, אָן ווערטער — און זיך פֿון אים אָוועקגעווענדט.

בײַם סוף פֿונעם לאַנגן, לאַנגן קאָרידאָר האָט ער זיך אומגעקוקט און אויפֿגעכאַפּט אַמנונס אַ פֿאָכע מיט דער האַנט, ווי פֿון אַ ווײַטער, אָפּגייענדיקער שיף.

(1942)

צוויי חסידישע מעשׂהלעך*

(לשמשון מלצר ולרעיתו — בידידות יתרה)

דאָס ערשטע מעשׂהלע

ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן דאָרף האָט אינעם בעל־שמס צײַטן געלעבט אַן אָרעמע אַלמנה, אַן עלנטע, וואָס אַלע צרות ל״ע האָבן זיך אויף איר געהאַט אויסגעגאָסן. די האָט אָבער געהאַט אַ זון, אַ בן־יחיד. אַן איינציק קינד, אַ וווּיל־לערנער און מיט אַלע מעלות. אַז זי פֿלעג אויף אים אַ קוק טון, פֿלעג זי געבן אַ טיפֿן זיפֿץ און דאַנקען דעם, וואָס אייביק לעבט, פֿאַר אָט דעם איינציקן שטיקל טרייסט, וואָס ער האָט איר געשענקט אין איר וויסטער אַלמנהשאַפֿט. און אַז לײַט פֿלעגן אים זען די גאַס אַדורכגיין, פֿלעגן זיי זיך שושקען, אַז ער׳ט נאָך אַ מאָל, מיטן אייבערשטנס הילף, פֿאַרלייכטן די וועלט.

אין יענע צײַטן איז דעם בעל־שמס דרך נאָך נישט געווען

---

*אָט די צוויי מעשהלעך האָב איך פֿאַרצייכנט מפּי־השמועה, און ״סטענאָגראַפֿיש״, נאָך אין די שפּעטע צוואָנציקער יאָרן, אין שאָץ, בוקעווינע. זיכער האָבן זיי זייער מקור ערגעץ אינעם געדיכטן וואַלד פֿונעם חסידות־פֿאָלקלאָר. אַ חסידות־פֿאָרשער וואָלט תיכּף געקענט אָנווײַזן ווו — און אויב — זיי זענען שוין ערגעץ פֿאַרשריבן געוואָרן.

דאָס ערשטע מעשהלע האָב איך געהערט פֿון אַן אָרעם יידל, אַן עני־מדוכּא, וואָס געהייסן האָט ער הערשעלע, און ער איז געווען אַ שוואַרץ־

אַזוי באַוווּסט לתּהילה ווי היַינט. אַדרבא, געווען גרויסע מחלוקתן אַרום דער שיטה זיַינער. טייל גדולי־הדור האָבן אַפֿילו חושד געווען, אַז דער נייַער דרך קען, חלילה, פֿירן צו הפֿקרות און צו אַפּיקורסות. און ס'איז דעמאָלט געווען נישט לאַנג נאָך דעם ווי שבתי צבי האָט געהאַט איבערגעקערט דאָס פעלצל. מ'האָט די חסידים גערודפֿט, מ'האָט אויף זיי געמסרט, מ'האָט זיי געברענט די טריט. מ'האָט זיך מיט זיי נישט געוואָלט משדך

אַרבעטער אין דער גאַרבעריַי אין איצקאַן, לעבן שאַץ. אין די שפּעטע 20 ער יאָרן איז ער געווען שמש אין סאַדעגערער שילכל אין שאַץ. אָט דער הערשעלע איז אַליין געווען ווי אַרויסגענומען פון אַן אַלט, חסידיש מעשהלע — מיט זיַין בידנעם הילוך, מיט זיַין שיטער בערדל, מיט זיַין האַרציקער גוטמוטיקייט און מיט זיַין ערלעכער פרומקייט. ברוך הוא וברוך שמו — אָמן, געדענק איך, פלעג ער ענטפערן מיט אַ פאַרהויבן פּנים און מיט אַזאַ דביקות, אַז אַפילו אַ טויבער אין צווייטן עק שילכל האָט עס געקענט הערן. ער פלעג דערביַי פאַרציטערט ווערן.

דאָ, אין סאַדעגערער שילכל, פלעג מען אים אַ מאָל פאַרבעטן, ביַי אַ שלוש־סעודות, צו דערציילן אַ חסידישע מעשה. ער פלעג זיך פּילן דערפון זייער דערהויבן און פלעג דערציילן אַ מעשה וועגן "הייליקן בעל־שם־טוב" מיינסטנס. ער האָט געהאַט אַ צוגעשלאָגן קול, און דער חיתוך־הדיבור איז ביַי אים געווען געליגט, ער פלעג אָבער אַליין פאַרכאַפּט ווערן פון דער מעשה, בשעתן דערציילן. איין מאָל, געדענק איך, האָט ער דערציילט אַזאַ מעשה וועגן "הייליקן בעל־שם־טוב", און ווי דער גוי, אַלעקסע, פלעג אים אַ מאָל פירן אין זיַין פערד־און־וועגעלע פון איין יישוב אין אַ צווייטן; האָט ער זיך אַזוי אַריַינדערציילט אין דער מעשה און זיך אַזוי דערוואָרעמט, אַז ער האָט אַ זאָג געטון: האָט דער הייליקער אַלעקסע.. נאָר דאָ האָט זיך דער עולם צעלאַכט און אים אויפגעוועקט פון זיַין התפעלות.

מיט אָט דעם פויער, אַלעקסע, האָט דער בעל־שם, אַגב, דווקא ליב געהאַט צו כאַפּן אַ מאָל אַ שמועס, פאַרנדיק פאַמעלעך אונטער וועגנס, און אויסצוהערן זיַינע תּמימותדיקע חקירות מכּוח תּוך־זאַכן, און זיַינע טענות צו דער וועלט און צו דעם, וואָס ער פירט די וועלט.

וועד ס'האָט מיר דערציילט דאָס צווייטע מעשהלע — געדענק איך שוין נישט.

כ'האָב ביידע מעשהלעך איבערדערציילט אין "קאַנאַדער אָדלער", מאָנטרעאַל, ערב־פּסח תּשי"ט (דעם 22סטן אַפּריל 1959).

זײַן. צרות צרורות זענען זיי אויסגעשטאַנען.

מאַכט זיך איין מאָל, אַז אָט דער זון, דער אַלמנהס, מיט נאָך צוויי חבֿרים זײַנע, פֿאָרן אַוועק אין אַ ווײַטער שטאָט אויף אַ יריד. דאָרט, אין דער ווײַטער שטאָט, האָט ער זיך באַגעגנט מיט עטלעכע חסידישע יונגע־לײַט — און דאָס התנהגות זייערס איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן, ווײַל ס׳איז אים געווען זייער צום האַרצן. נו, אַז ס׳איז געקומען, נאָכן יריד, צום אַהיימפֿאָרן, האָט דער אַלמנהס זון געבעטן זײַנע צוויי חבֿרים, אַז זיי זאָגן דער מאַמען זײַנער, אַז ער איז דאָ געוואָרן אַ חסיד, און אַז ער׳ט אַהיימקומען ערשט אין אַ צײַט אַרום.

די צוויי חבֿרים זענען זייער דערשראָקן געוואָרן פֿון דער מעשׂה, וואָס דאָ האָט זיך געטראָפֿן מיט זייער טײַערן חבֿר, נאָר מילא, ס׳איז געווען אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. זיי האָבן אבער געוווסט, אַז די מאַמע זײַנע, די אַלמנה, וועט זיך שטאַרק נעמען צום האַרץ די פֿינצטערע בשׂורה וועגן איר איינציקער טרייסט, וועגן איר אויג אין קאָפּ. זי וועט עס נישט איבערטראָגן. וואָס טוט מען? האָבן זיי בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז מע טאָר עס איר בשום־אופן נישט דערציילן. זי קען נאָך, חלילה, באַקומען די פּאָפּלעקציע אויפֿן אָרט. וואָרן דאָס מחלוקת איז דעמאָלט געהאַט דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אריבערגיין צו דער כּת (חסידים) האָבן טייל געהאַלטן פֿאַר נאָך ערגער פֿון שמד, ר״ל. זענען זיי אַוועק צו דער אַלמנה און האָבן איר געזאָגט, אַז רוצחים זענען זיי באַפֿאַלן אויפֿן וועג, אין מיטן אַ וואַלד, און האָבן דעם זון אירן דערהרגעט.

אַז די אַלמנה האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך גענומען רײַסן די האָר פֿונעם קאָפּ און וויינען און קלאָגן אויף איר פֿינצטער מזל. זי האָט זיך געזעצט שיבֿעה, און מ׳האָט ממש געזען, אַז דאָס מענטש גייט אײַן פֿון טאָג צו טאָג. אַז די שיבֿעה־טעג זענען אַריבער, האָט זי זיך נאָך אַלץ נישט געלאָזט

טרייסטן און מ'האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט נאָך, חלילה, נאָכשטארבן. ווי דערלאָזט מען אַזוינס?

האָבן זיך די צוויי חבֿרים באַרעכנט, אַז איידער אַזוי, וועלן זיי שוין בעסער אַרייַנגיין און איר אויסזאָגן דעם ריינעם אמת, אַז דער זון אירער לעבט, נאָר ער איז אַריבער צו דער כּת. און כך־הווא. זיי גייען צון איר אַרייַן און דערציילן איר: — אַזוי און אַזוי, מיר האָבן דיר נישט אויסגעזאָגט דעם אמת. דער זון דייַנער לעבט, נאָר ער איז געוואָרן אַ חסיד.

אַז די אַלמנה האָט דאָס דערהערט, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ביטערער יללה: — אוי, וואָס האָב איך עס געדאַרפֿט דערלעבן? פֿאַר וואָס האָט מיך גאָט אַזוי געשטראָפֿט? הלוואַי וואָלטן אים שוין בעסער די רוצחים געווען דערהרגעט, איידער אַזאַ חרפּה! —

זי האָט זיך איבער אַ נייַס געזעצט שיבֿעה און זיך נישט געלאָזט טרייסטן.

אויף דעם זאָגט רש"י: השנאה מקלקלת את השורה...

דאָס צווייטע מעשהלע

ערגעץ אין די צייַטן פֿונעם בעל־שם האָט אַ מאָל געלעבט אַ בעל־עגלה, אַ גרויסער עם־הארץ — ס'זאָל נישט אויסגערעדט זייַן. ער האָט נישט רעכט געקענט קיין שייַטל עבֿרי, פֿון פּירוש־המלות איז דאָך שוין אָפּגערעדט — נאָר ער איז געווען אַן ערלעכער, תּמימותדיקער ייד, און פֿלעג דאַווענען אַזוי ווי ער האָט געקענט, און מער האָט ער טאַקע נישט געקענט, מיט גרויס כּוונה. די גוטע־יידן, וואָס פֿלעגן אַ מאָל פֿאַרבלאָנדזען אַהין אין יישוב, פֿלעגן הערן, ווי ער האַקט נעבעך עבֿרי ווי די פֿלעקער, נאָר זיי האָבן געזאָגט אַז די כּוונה זייַנע, מיטן תּמימות, זענען אַלץ מכפּר. דער עיקר איז די גוטע כּוונה, וואָס מ'האָט בשעתן דאַווענען.

מאַכט זיך איין מאָל, אַז אַ חסיד־שוטה איז דאָרט פֿאַרבייַגעפֿאָרן, און ער הערט זיך צו און קוקט זיך צו ווי דער

בעל־עגלה דאַוונט און שפּרינגט ווי אַ צאַפּ. ווי ער הערט זיך אַזוי צו און לאַכט פֿון דער שטומפּיקער עבֿרי, הערט ער ווי דער בעל־עגלה גיט אַ געשריי: שמע ישראל, אדוני אלוהינו, אדוני אחרדר! מיט אַזאַ מין געפּלאָכטענער ריש, אַזוי ווי, להבֿדיל אלף הבֿדלות, ער זאָל פּלוצעם דאַרפֿן אָפּשטעלן די פֿערד אין מיטן אַ באַרג־אַראָפּ.

אָט דעם אחררר פֿלעג ער זאָגן מיט אַזאַ דבֿיקות, און מיט אַזאַ ברען, און מיט אַזאַ חדווה, אַז ער פֿלעג בשעת־מעשׂה אַריבערשפּרינגען איבער אַ גרוב, וואָס איז גראָד געווען בײַ אים אין הויף, עפּעס אַן איבערבלײַבעניש פֿון אַן אַמאָליקער חורבֿה.

אַז דער חסיד־שוטה האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ: — ס׳איז דאָך אַ חילול־השם! — ער איז צוגעלאָפֿן צום בעל־עגלה און האָט מיט אים גענומען טרייסלען ווי מיט אַ לולבֿ: — עם־האָרץ! גראָבער־יונג! ווי אַזוי דאַוונסטו?! דאָס איז דאָך געבעבעט, נישט געדאַוונט! ווער דאַרף אַזאַ דאַווענען, ווער? אחד שטייט מיט אַ דלת רבתי, מיט אַ גרויסער דלת — אַז מע זאָל נישט זאָגן אחר, אַז גאָט איז חלילה־וחס, אַן אַנדערער! גאָט איז אחד, איינער און נישט אחר, אַן אַנדערער. דו פּושע־ישראל, וואָס דו ביסט!

האָט דער בעל־עגלה נישט געוווסט אַקוראַט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך; נאָר פֿון איצט אָן, אַז ער פֿלעג זיך שטעלן דאַווענען, איז אויף אים אָנגעפֿאַלן אַן אימה, אַז ער זאָל ווידער אַ מאָל נישט עפּעס אָנאַרבעטן קיין סומאַטאָכע מיט זײַנע ווערטער. ער איז דאָך נאָר אַ זינדיקער מענטש, און ער ווייסט דאָך אַפּילו נישט ווי אַזוי מע דאַרף די ווערטער אין סידור מוציא־פּויצע זײַן, ווער שמועסט — די טײַטש זייערע, די כוונה זײַנע איז שוין געווען אַ געשלאָגענע, און דווקא בײַם אחד פֿלעג ער אַלע מאָל אַרײַנפֿאַלן אין יענעם גרוב אַרײַן, וואָס פֿריִער פֿלעג ער איבער אים אַזוי גרינג אַריבערשפּרינגען, ווי אַ פֿייגעלע.

איז ער אַוועק צון אַ גוטן־ייִדן זיך באַקלאָגן און פֿרעגן, פֿאַר וועלכן חטא ער פֿאַלט אַלץ אַרײַן אין גרוב אַרײַן, דאָרט וווּ פֿריִער פֿלעג זיך עס אים קיין מאָל נישט טרעפֿן.

דער גוטער־ייד האָט זיך אָבער שוין געהאַט דערוווּסט פֿון דער גאַנצער מעשׂה, און ער האָט דעם בעל־עגלה געהייסן צוריק דאַווענען אַזוי ווי ער פֿלעג פֿריִער דאַווענען, אַבי די כּוונה זאָל זײַן אַ גאַנצע און ער זאָל ווידער קענען אַריבערשפּרינגען איבערן גרוב.

גלאָסאַר

אדמה = ערד; כ׳האָב אים אין דער אַדָמה = אין דר׳ערד.
אוחילה לָאֵל = איך בעט צו גאָט; אַ ימים־נוראימדיקע תּפילה
אַחרית; פון אַחרית־הַיָמים = דער סוף פון די טעג; משיחס צײַטן
אֵימה = שרעק
אַנדרוגינוס (אָנדרוי׳גענעס) = הערמאַפראָדיט; אי מאַן, אי פרוי.
אֶצבַּע־אֶלוקים (עלויקי׳ם) = אַ פינגער פון גאָט; אַ נס
באַרדע = האַק
באֵין־ברירה = אָן אַ ברירה
בֵּין שָדַי יָלִין = ער רוט צווישן מײַנע בריסט (שיר־השירים א, יג)
בית־דין של מַעלה = דאָס אייבערשטע, הימלישע בית־דין
בְּפועל־ממש = אין דער אמתן
בְּפַרהֶסיא (ביפרעסיע) = אָפנטלעך
גזירה = ס׳איז ניגזר געוואָרן אַ גזירה, אַז אַ געשטאָרבענער זאָל פאַרגעסן ווערן
גַלגל־חוזר = אַ ראָד, וואָס דרייט זיך; דאָס מזל ווערט געגליכן דערצו
דאָר = טובערקולאָז
דַלתּ אַמות = פיר (בײַ פיר) איילן
השנאה מקלקלת את השורה; רש״י אויף במדבר כב, כא (לויט סנהדרין קה, ע״ב) = די שינאה מאַכט קאַליע דעם (נאָרמאַלן) גאַנג (פון דער וועלט)
ז״ל = זכרונו לבְרָכה; זײַן נאָמען זאָל געבענטשט ווערן
חטא (כעט) = זינד
חילול־הַשֵם = פאַרשוועכונג פון גאָטס נאָמען
חיתּוך־הַדיבור = דיקציע
טאָרקוועמאַדאַ = הויפּט־אינקוויזיטאָר אין שפּאַניע, אין דער צײַט פון דער אינקוויזיציע
טומטום = וואָס מע קען נישט דערקענען צי ס׳איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי
טען און בראַנדעס = היפּאָליט טען און געאָרג בראַנדעס, צוויי באַרימטע ליטעראַטור־פאָרשערס
יֵיתֵי ולָא אַחמינה = זאָל ער קומען, (משיח) נאָר איך זאָל אים נישט זען.

יריעה (יעריע) = איין שטיק פּאַרמעט פון אַ ספר־תּורה

כּוח־גַברא = סעקסועלע קראַפט

כּל־עצמותי (תּאמַרנָה) = אַלע מײַנע ביינער (וועלן) זאָגן: (ווער איז ווי דו, גאָט); פון תּהילים לה׳.)

כַּת = סעקטע

לאה און חנן = די חתן־כּלה אין אַנ־סקיס ״דיבוק״

ל״ע = לא־עָלֵינוּ = נישט פאַר אונדז געדאַכט

לתהילָה = צו לויב, צו גוטן

מגע־ומשא (מאַגעמאַסע) = קאָנטאַקט

מוציא־פּויצע זײַן = אַרויסרעדן

מְחַלל־שבת זײַן = פאַרשוועכן דעם שבת

מכַפּר זײַן = מוחל זײַן

מֵעֵבר־לְיַם (מייאייווער) = אויף יענער זײַט ים

מרימס ברונעם = דער ברונעם, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט די יידן אין מידבר, אין זכות פון מרים הנביאה.

מְרַמֶז זײַן = אָנווינקען

מְשתַּטֶח זײַן זיך = זיך· אויסשפּרייטן

מְתַקן זײַן = אויפטון, פאַרריכטן

נֵר־תּמיד = אַן אייביק ליכטל

עני־מדוּכּא = אַ ביטערער אָרעמאַן

פאַסער = איינער, וואָס ער קויפט געגנבעטע סחורה

פאַרבאַלאַקען זיך = זיך לאַנג פאַררעדן

פּורענות (פּוראָניעס) = צרה, פּלאָג

פּושע־ישראל (פּאָשע) = זינדיקער

פּנים־חַדָשות = אַ נײַער מענטש

צֵירוּפֵי־אותיות = קאָמבינאַציעס פון אותיות

צרות צרורות (צערורעס) = געברענטע צרות

רוח־שטות = אַ נאַרישער געדאַנק

רַחמָנא ליצלן = גאָט זאָל אָפּהיטן

שליחַ־ציבור = בעל־תּפילה; חזן

שֵם־הַוַויה = גאָטס נאָמען

תּרגום־לשון = אַרמיש; אומפאַרשטענדלעך לשון

תּוהו און בּוהו = וויסטקייט און ליידיקייט (פון בראשית א,ב).

תוכן

א.

פאַר וואָס? . 7
אַ רגע רו געפינען . 8
ביַים שריַיבטיש . 9
אַן איינציק אות . 10
שנייִשטויב . 11
וואָלקענעס און וואָלקנדלעך. 13
דער מאַמעס ליד און דעם טאַטנס נגינה . 14
דאָס ליד . 16
אַ פלאַטערל. 18
אַן עלנטער שטיין . 19
איך וועל מיר זען אַ שטיין אין פעלד . 21
אַהין, אַהין . 24
פאַרלוירן נישט ווערן . 25
אַ שטערנדל . 26
אין וואַלד . 27
קייטן אַרום מיַינע פוס . 28
עלנט ווי אַ שטיין. 29
עמעצער . 30
ס׳גייט צו ווינטער. 31
די פאַנטאַזיע . 32
מיר דאַכט זיך . 34

ב.

אין אַ חלום־שעה. 37
סאָמנאַמבול. 38

אַ דרימל . 40
מיַין לעצטע וויג. 41
איידער ס׳פאַלט די נאַכט צו . 42
פרעליוד צום שלאָף . 44

פאַרבענקטע וואַלדנאַכט . 46
די סקולפּטור פון אַן עופּעלעס געזעסל . 47
דער חלום־בוים . 48
באַלאַדע פון זיינוול גילדין . 49
אָן שום גערעדעריי. 52
אַ ביטער ליד . 54

ג.

תּוהו און בוהו . 57
בייטאָגיקער קאָשמאַר. 58
אין אויטאָבוס . 59
צי ווייסן נאָך די זשאַבעס דאָרט . 64
הלוואַי. 66
טאָרקוועמאַדאַס אַן אייניק . 67
גענאַר מיך נישט . 70
פון ערגעץ רייט אַ רייטער אָן . 72
און דאָס טשיזשיקל . 73
די מרה־שחורה . 74
קץ־הימין. 76
תּפילה 1980. 77
אויף ווען זשע באַהאַלטסטו דיין רעכטע האַנט? . 78
פונעם מויל פון אַ פייערשפּייער . 80
פאַרן וועלט־פּאַרלאַמענט . 81
געשיכטע . 84
דריי קאַטאָוועסלעך . 86
אַ דאַנק דיר, גאָט . 88
דרייצן טרעפּ . 89

ד.

אין וויכער . 93
צוויי חסידישע מעשהלעך. 109